STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02393

GEKLIBENE VERK

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פרץ - געקליבענע ווערק

י. ל. פּרץ

געקליבענע ווערק

וואַרשע 1950
מלוכהשער פאַרלאַג פאַר שול-אויסגאַבן

יידישע שול-ביבליאָטעק
סעריע א   זאַמלונג 1

ביאָגראַפיע פון פרצן,
צוקלייב און באַאַרבעטונג פון די טעקסטן,
דערקלערונגען און באַמערקונגען פון
שויליק פערדמאַן

יצחק לייבוש פרץ

געבוירן אין זאַמאָשטש דעם 18־טן מאַי 1852

געשטאָרבן אין וואַרשע דעם 8־טן אַפּריל 1915

י. ל. פרץ

(זיין לעבן און שאַפן)

יצחק לייבוש פרץ איז געבוירן געוואָרן אין זאַמאָשטש דעם 18־טן מאַי 1852 יאָר אין אַ פאַרמעגלעך־באַלעבאַטישער משפחה[1], וואָס האָט געשטאָלצירט מיט אַ גרויסן יחוס. לויט אייניקע טראַדיציעס אין דער משפחה האָבן די פּרצעס געשטאַמט פון די שפּאַנישע יידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן געוואָרן פון דער אינקוויזיציע.

אין דער פּרץ־משפחה זיינען געווען גרויסע רבנים[2] און אויך גרויסע סוח־רים[3] וואָס פלעגן האַנדלען מיט אויסלאַנד (דאַנציק, לייפּציג). דערפון נעמט זיך, וואָס פּרץ האָט אין זיין היים איינגעזאַפּט שוין פון דער קינדהייט געוויסע פאָרמען פון אייראָפּעישער וועלטלעכקייט צוגלייך מיט דער טראַדיציאָנעלער פרומקייט. אויך פּרצעס פאָטער יהודה[4], כאָטש ער איז געווען אַ פרומער ייד, אַ מתנגד[5] (אַ קעגנער פון חסידים), איז אָבער נישט געווען קיין פאַנאַטיקער אין זיין פירונג. חוץ דעם איז ער געווען זייער חשוב[6] און אַפילו באַליבט אין זאַמאָשטש אַלס אַ מענטש, וואָס איז שטענדיק גרייט צו העלפן אַ צווייטן. ער האָט זיך זייער אַ סך אָפּגעגעבן מיט שטיצן אָרעמעלייט, כאָטש ער איז ניט געווען רייך אין די לעצטע יאָרן.

דער קליינער יצחק־לייבוש האָט זיך זייער פרי אַרויסגעוויזן פאַר אַ געראָטן, פעיק יינגל מיט חשק[7] צום לערנען. צו דריי יאָר, ווען ער האָט נאָך אַפילו

1) מישפּאָכע. 2) ראַבאָנים. 3) סאָכרים. 4) יעהודע. 5) מיסנאַגעד. 6) כאָשעוו 7) כיישעק.

נישט געקענט גוט רעדן, האָט מען אים שוין אָפּגעגעבן אין חדר[1] לערנען חומש[2], און צו זעקס יאָר האָט ער שוין געלערנט גמרא[3]. פאַרשטייט זיך, דער חדר און די מלמדים[4] מיט דער גאַנצער לערע האָט נישט געקענט פאַרכאַפּן אינגאַנצן די נשמה[5] פון אַזאַ יונג קינד, בפרט[6] אַז ער איז געווען זייער אַ שטיפערישער, פול מיט אימפּעט און לעבנסלוסט, און נאָך מער מיט קינדישע פאַנטאַזיעס און טרוימען.

אַ באַזונדערע ווירקונג האָט אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם יונגן פּרץ געהאַט זיין היימשטאָט זאַמאָשטש, אַן אַלטע פּוילישע פעסטונג-שטאָט, רייך מיט היסטאָרישע טראַדיציעס און אינטערעסאַנטע לעגענדעס פּוילישע און יידישע. אין זאַמאָשטש, וואָס איז אַ געוויסע צייט געווען אונטער דער עסטרייכישער אָקופּאַציע, זיינען געווען שטאַרק די איינפלוסן פון דער דייטשישער און מעריב-אייראָפּעישער קולטור. אויך ביי יידן האָט זיך עס געלאָזט מערקן און אין זאַמאָשטש זיינען געווען קענטיק די ווירקונגען פון דער השכלה[7]-באַוועגונג (אין זאַמאָשטש האָט אויך געלעבט און געשאַפן דער יידישער שרייבער ד"ר שלמה עטינגער).

פּרצעס פאָטער האָט געלאָזט לערנען זיין גראָטענעם יינגל אַחוץ רעליגיעזע לימודים אויך וועלטלעכע און שפּראַכן: העברעיש, רוסיש, דייטש. שפּעטער האָט זיך פּרץ אַליין אויסגעלערנט אויך פּויליש. פון קינדוויז אויף האָט יצחק-לייבוש אַרויסגעוויזן אַ גרויסע וויסן-גיריקייט און אַ געוואַלדיקן דורשט צום לייענען. צוערשט האָט ער מיט נייגיר געלייענט אַלץ, וואָס ס'איז געווען צו קריגן אין דער היים און אין בית-המדרש[8], ווו ער האָט שפּעטער אַליין געלערנט. דאָס זיינען געווען בלויז רעליגיעזע ביכער. אַ באַזונדערן איינדרוק האָבן אויף פּרצן דעמלט געמאַכט די ווערק פון מיטלאַלטערלעכן יידישן פילאָזאָף און געלערנטן רמב"ם[9].

פּרצן פאַלן אויך אַריין אין די הענט אַריין די ווערק פון אייניקע יידישע שרייבער-משכילים[10], אָבער זיי לאָזן נאָך דעמלט נישט איבער קיין טיפן שפּור אויף אים. אַ סך פון די געלייענטע ביכער רופן אַרויס ביי פּרצן פאַרשיידענע ספיקות[11]. ער זוכט אומרויק און איינגעשפּאַרט אַן ענטפער אויף די אומקלאָרקייטן און פראַגעס, וואָס מאַטערן זיין פאַרשטאַנד און געפיל. ער זוכט נאָך ביכער, אַנדערע ביכער. אַ גליקלעכער צופאַל פירט אים צונויף מיט אַ געוויסן מיכל פידלער, אַ מוזיקער און, ווי ס'ווייזט זיך אַרויס, אַ געבילדעטן און באַלע-

---

1) כײדער. 2) כומעש. 3) געמאָרע. 4) מעלאַמדים. 5) נעשאָמע. 6) ביפראַט. 7) האַסקאָלע. 8) בעסמעדרעש. 9) ראַמבאַם — רב משה בן מיימון. באַקאַנטער יידישער דענקער פון מיטלאַלטער (1135—1204). 10) מאַסכילים. 11) ספייקעס.

זענעם מענטשן. דעם דאָזיקן מיכל פידלער איז דער יונגער וויסנדורשטיקער און פעיקער בחור זייער געפעלן געוואָרן, און ער געטרויט אים דעם שליסל פון זיין גרויסער ביבליאָטעק, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, און אין וועלכער ס'האָט זיך געפונען פאַר פרצן ממש אַן אוצר[1] פון ביכער אין פאַרשיידענע שפּראַכן. איינס נאָכן אַנדערן, אָן סיסטעם און נישט איבערקלייבנדיק, שלינגט פרץ די ביכער: פּאָעזיע און פּראָזע, ראָמאַנען און רייזע-באַשרייבונגען, וויסנשאַפטלעכע ווערק וועגן נאַטור-וויסנשאַפט און געזעלשאַפטלעכע פראַגן, פיזיק און געשיכטע. כדי צו פאַרשטיין די פראַנצויזישע ביכער לערנט זיך פרץ אויס אין אַ פּאָר וואָכן אַ גאַנצן ווערטערבוך אויף אויסנווייניק.

נישט אַלץ האָט דער יונגער לייענער פרץ פאַרשטאַנען פון די דאָזיקע ביכער, און נישט אויף אַלע זיינע שאלות[2] האָט ער אַ תשובה[3] געפונען. אָבער דאָך איז עס געווען גענוג, ער זאָל פאַרשטיין, אַז ווייטער לעבן אין זיין וועלטל קאָן ער שוין נישט, ער זאָל דערזען דאָס יידישע לעבן מיט גאָר אַנ-דערע אויגן, עס זאָל אים מיט אַ געוואַלטיקן כוח[4] אַ צי טאָן צו דער וועלט, אַרויס פון דעם פרום-באַלעבאַטישן שטעטל — זיין ביז-איצטיקע רעליגיעזע וועלט-באַנעמונג ווערט צעשטערט.

פרץ וויל אַוועקפאָרן זיך לערנען, אָבער זיין מוטער, וועלכע ער האָט זייער ליב געהאַט, שטעלט זיך שטאַרק אַנטקעגן, און ער בלייבט אין זאַמאָשטש. און גאָר אין גיכן האָט מען פרצן חתונה[5] געמאַכט, אָן זיין וויסן און ווילן — ווי דער שטייגער איז דעמלט געווען ביי יידן.

* * *

די ערשטע עטלעכע יאָר נאָך דער חתונה (1870) וווינט פרץ אין צויזמער (סאַנדאָמיעזש), ווו ער האָט געפירט אַ ברויז. אָבער פרץ איז נישט קיין מענטש פון מסחר[6], און די געשעפטן זיינע ליגן אים נישט אין קאָפּ. נאָך אין זאַ-מאָשטש האָט ער שוין אָנגעהויבן צו שרייבן לידער, העברעישע און יידישע. איצט האָט ער זיך נאָך מיט מער חשק גענומען צו ליטעראַרישער שאַפונג, טיילווייז אונטער דער ווירקונג פון זיין שווער ג. י. ליכטענפעלד, וואָס איז אַליין אויך געווען זייער אַ געבילדעטער מענטש, אַ באַקאַנטער שרייבער צווישן די דעמלטיקע משכילים.

פרצעס האנדלס-געשעפטן הייבן אָן גיין שלעכט, ביזוואַנען ער ווערט אינגאַנצן רויניִרט און ער מוז פון צויזמער אַוועקפאָרן. אין 1876 קומט פרץ

1) אויצער. 2) שײלעס. 3) טשוּווע. 4) קויעך. 5) כאַסענע. 6) מיסכער.

קיין וואַרשע. זיין פּרנסה איז געבן לעקציעס אין רייכע הייזער. אָבער דער עיקר אינטערעס פּרצעס איז שוין די ליטעראַטור. אין וואַרשע באַקענט ער זיך מיט אַ ריי יידישע משכּילישע[2] שרייבער, און דאָס ערשטע יאָר אין וואַר־שע איז גלייכצייטיק דאָס יאָר, ווען פּרץ האָט צום ערשטן מאָל געזען אָפּגע־דרוקט זיינע אַ ליד אין העברעיש. אין דעם זעלבן יאָר איז אויך אַוועקגעשיקט געוואָרן צום דרוק אַ יידישע ליד פּרצעס. פון דעמלט אָן דרוקט פּרץ זיינע לידער, פּאָעמעס און אַרטיקלען אין פאַרשיידענע העברעישע אויסגאַבן און גאַר גיך פאַרנעמט ער אין דער דעמלטיקער העברעישער ליטעראַטור אַן אָנגעזעען אָרט.

אויך יידישע לידער האָט פּרץ געשריבן אפילו נאָך פריער אין זאַמאָשטש, אָבער קיין איינע פון זיי איז נאָך נישט געדרוקט געוואָרן.

אין 1877 קערט זיך פּרץ אום צוריק קיין זאַמאָשטש. דאָרט וויל ער גרינדן אַ שול, אָבער די זאַמאָשטשער פרומע יידן דערלאָזן נישט דערצו. דעמלט גרייט זיך פּרץ צו אַליין, האַלט אַן עקזאַמען פאַרן זאַמאָשטשער געריכט פאַר אַן אַדוואָקאַט. מיט דעד אַדוואָקאַטור פאַרנעמט זיך פּרץ אין משך[3] פון 10 יאָר און ער ווערט גוט באַקאַנט אין שטאָט.

די דאָזיקע אַרבעט האָט אָבער נישט געשטילט זיין שטרעבונג צו ליטע־ראַטור. ער שרייבט אַ סך סיי אין העברעיש, סיי אין יידיש. זיינע יידישע לידער, וואָס שילדערן אין אַ בייסיקן, שאַרפן טאָן די „זאַמאָשטשער פּאַזשאַנד־קעס" און די אַרטיקע כּלל־טוער[4], זיינען געווען זייער פּאָפּולער אין שטאָט און זיינען אפילו געזונגען געוואָרן פון עולם.

אָבער נישט נאָר אויף אַזאַ אופן האָט זיך שוין דאַן אַרויסגעוויזן פּרצעס אינטערעס פאַרן געזעלשאַפטלעכן לעבן, פּרצעס ליבע צום פאָלקסמענטש און זיין שטרעבונג צוניץ קומען דעם פאָלק. אינטערעסאַנט איז, אַז שוין דעמלט האָט פּרץ געלייגט גרויסע האָפענונגען אויפן יידישן אַרבעטער:

„... מיט די יידישע תּלמודיסטן[5] און בורזשואַזיע איז גאָרנישט צו מאַכן" — האָט זיך פּרץ אויסגעדריקט — „נאָר דער פּעבל (דאָס אָרעמע פאָלק), די אַרבעטער־מאַסע — דאָס איז אַ פעלד צו אַרבעטן, דאָס איז אַן אומגליקלעך פאָלק, אָבער אַ פעיקס, דאָ געפינט זיך פיל אידעאַליזם, נאָר מען דאַרף זיי בילדן, מע דאַרף צו זיי רעדן אין זייער לשון, אויפוועקן זייערע געדאַנקען. מאַטעריאַל איז דאָ גענוג, נאָר נישט באַאַרבעט. דערפאַר שרייב איך איצט אין

1) דעריקער. 2) מאַסקילישע. 3) מעשעד. 4) קלאַל־טוער. 5) טאַלמודיסטן — דאָ איז געמיינט: פרומע.

מאַמע־לשון[1]. איך וועל שאַפן אַ יידישע ליטעראַטור, רעדן און שרייבן צום פאָלק אויף זיין שפּראַך".

און פּרץ זוכט טאַקע די פאַרבינדונג מיטן יידישן אַרבעטער. ער אָרגאַניזירט, צוזאַמען מיט אַ גרופּע פריינד, אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער. מע לערנט זיי לייענען, שרייבן, רעכענען, אַחוץ דעם ווערן געהאַלטן פאָרלעזונגען אויף פאַרשיידענע טעמעס. פּרצעס אַרויסטרעטונגען פאַר די אַרבעטער און די אָוונט־קורסן בכלל[2] זיינען געוואָרן זייער פּאָפּולער, און דעריבער האָבן די קהלשע[3] רעדלפירער פון שטאָט, די פרומאַקעס, אָנגעהויבן אַ קאַמף, און אַ דאַנק זייערע מסירות[4] צו דער צאַרישער מאַכט האָט מען די קורסן פאַרמאַכט. אויף פּרצן האָט מען אויך אָנגעהויבן קוקן קרום און סוף־כל־סוף[5] צוגענומען ביי אים דאָס רעכט זיך צו פאַרנעמען מיט אַדוואָקאַטור. פּרץ פאָרט אַריבער (1889) קיין וואַרשע, שוין אויף שטענדיק.

אין די לעצטע זאַמאָשטשער יאָרן האָט פּרץ ווייניק געשריבן און כמעט אינגאַנצן נישט געדרוקט זיינע שאַפונגען אַחוץ עטלעכע זאַכן אין העברעיש וועלכע האָבן געמאַכט זייער אַ גרויסן רושם[7], ווייל זיי האָבן זיך אויסגעטיילט אין דער דעמלטיקער העברעישער השכלה־ליטעראַטור, סיי מיט זייער אינהאַלט, סיי מיט זייער פאָרם.

אָבער שוין דעמלט טרעט אַרויס פּרץ אַלס הייסער פאַרטיידיקער פון דער יידישער שפּראַך „...דעם לשון, פון יידן, דעם לשון, וואָס וועט זיין אַן אייביקער עדות[8] אויף דעם פאַרגאָסענעם בלוט, אויף די אַלע רציחות[9] און חורבנות[10]... דעם לשון וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך...דעם וויי־געשריי פון דורות[11]... די דימענטן און בריליאַנטן וואָס זיינען אין איר (אין יידיש) איינגעזאַפּט—דאָס זיינען דאָך די אויסגעטריקנטע, די פאַרגליווערט געוואָרענע יידישע טרערן..."

* * *

מיט דער יידישער ליטעראַטור און יידישע שרייבער האָט פּרץ נאָך נישט קיין פאַרבינדונג. ערשט אין 1888 (נאָך פון זאַמאָשטש) שרייבט ער זיך צונויף מיט שלום־עליכמען, וועגן וועלכן ער האָט זיך צופעליק דערוווסט, און ווען ער הערט, אַז שלום־עליכם גייט אַרויסגעבן זיינע זאַמלביכער „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק", לייגט פּרץ פאָר זיין מיטאַרבעט און שיקט אים צו זיין פּאָעמע „מאָניש".

דאָס דערשיינען פון „מאָניש" אין ערשטן באַנד פון דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק" אין 1888 יאָר איז געווען אַ גרויסע געשעעניש נישט נאָר אין

1) מאַמע־לשון — יידיש. 2) ביכלאַל. 3) קאָהעלשע. 4) מעסירעס. 5) סאָף־קאָל־סאָף. 6) קימאַט. 7) רוישעם. 8) איידעס. 9) רעציכעס. 10) חורבוינעס. 11) דוירעס.

לעבן פון פרצן, וועלכער האָט גלייך מיטן ערשטן אָפּגעדרוקטן ווערק אין יידיש פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור, נאָר אַ געשעעניש אין דער יידישער ליטעראַטור גופא, אין וועלכער ס'איז אויפגעגאַנגען פּלוצעם אַ נייער און זייער העלער שטערן.

דערציילנדיק אין האַרציקע כּענער די ליבע-געשיכטע פונעם יונגן עלוי[1] מאָניש, ווי ער ווערט פארפירט דורך ליליתן[2], דער געשיקטער פון טייוול — וויקלט פרץ פונאַנדער אַ פאַרביק בילד פון אַלטן שטעטל מיט זיינע זאַבאָבאָ-נעס און פינצטערניש. אַזוי זאַפטיק און הומאָרפול, אַזוי זינגעוודיק און בייסיק האָט נאָך קיינער וועגן שטעטל — און בכלל — נישט געשריבן ביז פרצן.

די שאַפונגען, וואָס פרץ האָט אָפּגעדרוקט מיט אַ יאָר שפּעטער: „דער כּעלעמער מלמד", „ווענוס און שולמית", „דער תּענית" — האָבן אים אַוועקגע-שטעלט אין אויבנאָן פון דער יידישער ליטעראַטור.

קומענדיק קיין וואַרשע באַקענט זיך פרץ מיט דעם יידישן שרייבער יעקב דינעזאָן און צווישן זיי פאַרבינדט זיך אַ ריינדיקע טיפע פריינדשאַפט, וואָס איז נישט איבערגעריסן געוואָרן ביז פרצעס טויט. דינעזאָן איז טאַקע געווען דער, וואָס האָט אַרויסגעלאָזט דאָס ערשטע ביכל מיט פרצעס דערציילונגען אין יידיש אונטערן נאָמען „באַקאַנטע בילדער" (1890). צווישן אַנדערע זיינען שוין דאָרט דאָ די שיינע דערציילונגען „דער משולח", „דער משוגענער בטלן" א"אַ.

אין יאָר 1890 באַטייליקט זיך פרץ אין אַ סטאַטיסטישער עקספּעדיציע, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן מיטן צוועק אויסצופאָרשן די לאַגע פון די יידן. פרץ מאַכט אַ רייזע איבער טאָמאַשאָווער געגנט, פאָרט אויס צענדליקער קליינע יידישע שטעטלעך. דאָס אָפּגעשטאַנענע לעבן אין די דאָזיקע אָפּשטאַרבנדיקע יידישע שטעטלעך און דעם טיפן שווערן איינדרוק, וואָס איז פרצן געבליבן, האָט ער אויף אַ מייסטערהאפטן קינסטלערישן אופן איבערגעגעבן אין זיינע „בילדער פון א פראָווינץ רייזע", וועלכע זיינען פארעפנטלעכט געוואָרן אין 1891 און האָבן געמאכט אַן אומגעהויערן רושם אויף אלע לייענער.

די ליטערארישע אַרבעט האָט דאָך פרצן נישט געקענט געבן קיין פּרנסה און ער מוז ווערן א באאמטער אין דער פארוואלטונג פון דער וואַרשעווער קהילה (גמינע). אויף דעם פּאָסטן איז פרץ שוין פארבליבן ביז זיין טויט, הגם[3] קיין גרויסע פארדינסטן האָט דאָס אים קיינמאָל נישט געגעבן, הגם ער האָט נישט איינמאָל דערנאָך געהאט אויסצושטיין צרות[4] פון זיינע גמינע-באלעבאטים,

1) אילוי — אַ פעיקער יונגער לערנער. 2) לילים — די פרוי פון דעם הויפּט-טייוול. 3) האַגאַם. 4) צאָרעס.

די גרויסע יידישע נגידים—אסימילאַטאָרן, צוליב זיין ליטעראַריש-געזעלשאַפט־לעכער טעטיקייט, וואָס איז אָפט געווען געווענדעט כּונקט קעגן זיי. פונדעסט־וועגן האָבן זיי נישט געהאַט די העזה[1] אָפן אַרויסצוטרעטן קעגן פּרצן, אַזאַ נאָמען האָט ער שוין דעמלט געהאַט צווישן די יידישע פאָלקסמאַסן.

און כאָטש פּרץ פלעגט מער ווי א האַלבן טאָג מוזן פּטרן[2] אין דער גמינע, האָט ער נישט אָפּגעשטעלט זיין שעפערישע אַרבעט אַלס שרייבער און געזעלשאַפטלעכער טוער.

ער טרעט צו צוזאַמען מיט דינעזאָנען אַרויסצוגעבן זאַמלביכער פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפט אונטערן נאָמען „די יידישע ביבליאָטעק“. דער ערשטער זאַמלבוך איז אַרויס אין יאָר 1891. דער הויפּט-ציל וועלכן פּרץ האָט זיך געשטעלט אין די אויסגאַבן איז געווען: „בילדן דאָס פאָלק“, אַרויסצופירן עס פון זיין פאַרגליווערטקייט און אָפּגעשטאַנענקייט, כּדי אויך צו פאַרבעסערן זיין עקאָנאָמישע לאַגע. פּרץ אַליין שרייבט אין די זאַמלביכער — אַ חוץ קינסט־לערישע שאַפונגען, דערציילונגען און לידער — אויך אַרטיקלען אויף געזעל־שאַפטלעך-פּאָליטישע פראַגן, וועגן נאַטור-וויסנשאַפט, היגיענע א"אַוו. אין די זאַמלביכער האָט פּרץ אַרויסגערוקט נייע יונגע יידישע שרייבער, פון וועלכע אַ סך האָבן שפּעטער אַ גרויסן נאָמען געקריגן אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי, למשל, אַברהם רייזען, יהואַש א"אַ.

נאָך אַ גרעסערע טעטיקייט אַנטוויקלט פּרץ, ווען ער פאַרבינדט זיך נעענ־טער מיט די ערשטע אומלעגאַלע אַרבעטער-קרייזלעך אין וואַרשע. פּרץ פלאַנט אַפילו צוזאַמען מיט דעם שרייבער דוד פּינסקי אַרויסצוגעבן אַ טעגלעכע יידישע צייטונג. און ווען זיי קריגן נישט קיין דערלויבעניש, פאַלן זיי אויף אַ פּלאַן אָפּצונאַרן די צאַרישע צענזור. זיי נוצן אויס א ליאַדע יידישן יום־טוב-טאָג[3], כּדי אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל כּלומרשט[4] וועגן דעם יום-טוב. די דאָזיקע „יום-טוב-בלעטלעך“ — ווי זיי האָבן טאַקע געהייסן — האָבן געהאַט זייער אַ גרויסן דערפאָלג, באַזונדערס ביי די יידישע אַרבעטער, און האָבן גע־האַט אַ גרויסע באַדייטונג נישט נאָר פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור, נאָר אויך פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער אַרבעטער-באַ־וועגונג. אויף פאַרשיידענע אַרבעטער-פאַרזאַמלונגען, אָפן און געהיים, פלעגט מען לייענען, אויסטייטשן און ממש[5] לערנען אַלץ, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין די „יום-טוב-בלעטלעך“ פון פּרצן און אַנדערע מיטאַרבעטער. אין די „בלעט־לעך“ האָט זיך אויך גערעדט אַ סך וועגן „בילדונג“ און „אויפקלערונג“, אָבער דער כאַראַקטער פון דער אויפקלערונג איז שוין געווען וייט-וייט אַנדערש ווי

1) האָזע. 2) פּאַטערן. 3) יאָנטעוו. 4) קלאָמערשט. 5) מאַמעש.

פון די דעמלטיקע משכילים. דער אינהאַלט און טאָן פון די „יום־טוב־בלעטלעך" איז געווען אַ קעמפערישער, אַ סאָציאַליסטישער. נישט צופעליק פלעגן צאַרישע זשאַנדאַרמען בשעת זייערע רעוויזיעס געפינען ביי יידישע אַרבעטער די „יום־טוב־בלעטלעך" אין פיל עקזעמפלאַרן.

אין דעם זעלבן טאָן זיינען אויך די אַנדערע אויסגאַבן, וועלכע פרץ לאָזט אַרויס אין יענער צייט (די „יום־טוב־בלעטלעך" זיינען אַרויסגעגאַנגען אין משך פון יאָרן 1894–1895). פרץ גיט אַרויס אין 1894 נאָך אַ באַנד פון זיין „פאָלקס־ביבליאָטעק", אויך דעם זאַמלבוך „ליטעראַטור און לעבן", ווו עס זיינען צווישן אַנדערע אָפּגעדרוקט די באַקאַנטע דערציילונגען „דאָס שטריימל" און „באָנטשע שווייג".

פרץ זוכט אויך צו קומען אין פאַרבינדונג מיטן יידישן אַרבעטער נישט נאָר דורך זיינע ווערק. ער קומט אויף פאַרשידענע אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, טרעט אָפּט אַרויס מיט רעדעס און לייענט פאַר זיינע ווערק, וועלכע די אַרבעטער הערן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. איינמאָל (1899) בשעת פרץ לייענט פאַר זיין „פרומע קאַץ", ווערט די פאַרזאַמלונג אויסגעשפירט דורך פאָליציי און פרץ ווערט אַרעסטירט. ער זיצט דאָן אָפּ עטלעכע חדשים[2] אין וואַרשעווער פאַ־וויאַק, ביז ער ווערט באַפרייט.

* * *

אין יאָר 1901 ווערט דורך די יידישע פאָלקסמאַסן געפייערט פרצעס 25־יאָריקער יובליי אַלס שרייבער. אַלס מתּנה[3] צום יובליי דערשיינט די ערשטע פולע אויסגאַבע פון פרצעס שריפטן אין יידיש, צווישן וועלכע מיר געפינען שוין (אַחוץ אַלע פריער דערמאָנטע) אויך אַ סך פון די חסידישע גע־שיכטן („אויב נישט נאָך העכער", „צווישן צוויי בערג", „אַ גילגול פון אַ ניגון" א"א).

אין די יאָרן 1903־1904 שרייבט פרץ אָן—צווישן אַנדערע זאַכן—אויך זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטע", וועלכע האָבן אים אַזוי באַרימט און באַליבט גע־מאַכט.

צו יענער צייט איז שוין פרץ איינער פון די באַקאַנטסטע יידישע שריי־בער בכלל און אין וואַרשע איז פרצעס הויז אויף צעגלאַנע גאַס געוואָרן דער צוציונגס־פונקט פאַר יידישע שרייבער פון אומעטום. מיט אַ באַזונדערער וואַרעמקייט האָט זיך פרץ אָפּגעגעבן צו העלפן יעדן יונגן טאַלאַנט. אברהם רייזען, יהואש, נאָמבערג, אַש, וויסנבערג און נאָך אַ סך באַדייטנדיקע יידישע

1) בּעשאַס. 2) כאַדאָשים. 3) מאַטאָנע.

שרײַבער האָבן זײערע ערשטע װערק פּאָרגעלײענט פּרצן און פֿון אים געקריגן אַ דערמוטיקונג צום װײַטערדיקן שאַפֿן.

אין די יאָרן פֿון אױפֿברױז פֿון דער ערשטער רוסישער רעװאָלוציע, װערט פּרץ װידער אַקטיװער אַרײַנגעצױגן אין דער אַרבעטער־באַװעגונג, ער באַטײליקט זיך מיט זײַנע קינסטלערישע װערק און אַרטיקלען אין דער אַרבעטער־פּרעסע, טרעט אַרױס אױף מיטינגען. אָבער נאָכן דורכפֿאַל פֿון דער רעװאָלוציע און אונטערן אײַנדרוק פֿון דער פּאָגראָם־כװאַליע, אין װעלכע די צאַרישע מאַכט האָט געװאָלט פֿאַרטרינקען די פֿרײַהײט־באַװעגונג, װערט פּרץ אױף אַ געװיסע צײַט באַהערשט דורך שטימונגען פֿון פֿאַרצװײפֿלונג, װעלכע ער דריקט אױס דער עיקר אין זײַן דראַמע „בײַנאַכט אױפֿן אַלטן מאַרק“ (1907).

בכלל האָט זיך פּרץ אין יענער צײַט באַזונדערס פֿאַראינטערעסירט מיטן טעאַטער. ער האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצע רײ דראַמאַטישע װערק גרעסערע („די גאָלדענע קײט“, „אין פּאָליש אױף דער קײט“) און אײנאַקטערס („ס׳ברענט“, „שװעסטער“ א״א). פּרץ האָט אױך געשטרעבט אױפֿצוהײבן בכלל דאָס יידישע טעאַטער, דאָס שפּיל פֿון אַקטיאָר, דעם געשמאַק פֿון עולם[1] אױף אַ העכערער מדרגה[2], און ער האָט פֿיל אױפֿגעטאָן אױף דעם געביט.

אין 1908 יאָר באַטײליקט זיך פּרץ אַקטיװ אין דער קאָנפֿערענץ פֿון יידישע שרײַבער און קולטור־טוער אין טשערנאָװיץ, אױף װעלכער ס׳איז אַרומגערעדט געװאָרן די ראָל פֿון יידיש אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך.

פּרצעס בײַנזנדער גײַסט און זײַן װילן צו דינען דעם פֿאָלק רוט נישט קײן אײן טאָג, נישט קוקנדיק װאָס זײַט 1902 איז ער שױן קראַנק אױפֿן האַרץ. ער שאַפֿט װײַטער זײַנע װערק, ער גיט אַלײן אַרױס פֿאַרשײדענע זשורנאַלן און זאַמלביכער. פּרץ פֿאָרט אַרום מיט רעפֿעראַטן אױף פֿאַרשײדענע טעמעס איבער פֿאַרשײדענע שטעט, און אומעטום װערט ער אױפֿגענומען מיט באַגײַסטערונג, באַזונדערס װען ער לײענט פֿאָר זײַנע אײגענע װערק.

װען אין דער פּױלישער רעאַקציאָנערער פּרעסע צעפֿלאַקערט זיך די אַנטיסעמיטישע באָיקאָט־קאַמפּאַניע קעגן יידן, װאַרפֿט זיך פּרץ אַרײַן מיט װאָרט און שריפֿט אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און קעגן די רעאַקציאָנער־אַסימילאַטאָרישע אונטערהעלפֿערס פֿון דער יידישער בורזשואַזיע.

פּרץ איז דער פֿאָרזיצער פֿון דער יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפֿט, און שפּעטער װען זי װערט פֿאַרבאָטן—װערט ער פֿאָרזיצער פֿון דער געזעלשאַפֿט

---

1) אױלעם. 2) מאַדרײגע.

„הזמיר”, וואָס האָט זיך, חוץ אַנדערע קולטור־אויפגאַבן, געשטעלט אויך דעם ציל אויסצופאָרשן און צו פלעגן יידישע פאָלקשאַפונג.

און ווען ס'איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה[1] (1914) האָט פרץווידער, נישט געקוקט אויף זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד, און טראָץ דעם שווערן דערשיטערנדיקן איינדרוק וואָס די מלחמה־געשעענישן (באַזונדערס די רדיפות[2] אויף אומשולדיקע יידן, דאָס אַרויסטרייבן גאַנצע יידישע שטעטלעך), האָבן געמאַכט אויף דער פילבאַרער נשמה פון דיכטער — האָט ער זיך מיטן גאַנצן ברען אַריינגעוואָרפן אין דער הילפס־אַרבעט. העלפן מיט וואָס מען קאָן נאָר די ליידנדיקע, די היימלאָזע, און קודם־כל[3] די עלנטע פאַרוואָרלאָזטע יידישע קינדער—דאָס איז געוואָרן דער אינהאַלט פון זיין לעבן. פרץ שענקט אַוועק פאַר דער הילף־אַקציע אַלע זיינע מתנות, וואָס ער האָט ווען ס'איז געקריגן, צווישן זיי פיל זייער ווערטפולע; פרץ זאַמלט מיטלען ווו ס'לאָזט זיך; פרץ שאַפט קינדערהיימען פאַר דעם פאַריתומטן[4] קליינוואַרג. פרץ איז איינער פון די, וואָס גרינדן די ערשטע יידישע שול. אויך זיין באַנייט קינסטלעריש שאַפן גיט ער איצט אינגאַנצן אַוועק פאַר די קינדער — דער גרויסער פרץ שרייבט דעמלט אָן זיינע וווּנדערלעכע קינדער־לידער, וועלכע ער פלעגט טאָקע אָפט אַליין פאָרלייענען פאַר די קינדערלעך.

אַ קינדער־ליד האָט ער אויך אָנגעהויבן שרייבן אין דעם פרילינגדיקן פרימאָרגן, דעם 3־טן אַפּריל פון 1915 יאָר. און אָנגעהויבן האָט זיך דאָס ליד:
„שטילער, שטילער, דאַנקען וויל ער...”

און מער ווי די ווערטער, און מער קיין איינציקע שורה האָט שוין פרץ קיינמאָל ניט געשריבן ניט פאַר קינדער, ניט פאַר גרויסע. ביי די ווערטער האָט אויפגעהערט קלאַפּן זיין האַרץ, דאָס דאָזיקע האַרץ, וואָס האָט אַזוי פלאַמיק־הייס געשלאָגן פאַר די יידישע פאָלקסמאַסן, וועמען ער האָט געטריי געדינט מיט זיינע ווערק און מיט זיין גאַנצן לעבן.

זייער גרויסן טרויער האָבן די יידישע מאַסן אויסגעדריקט אין דער 100־טויזנט־קעפּיקער מאַניפעסטאַציע בשעת דער לוויה[5] פון גרויסן יידישן דיכטער.

נאָך אַ ריזיקערע דעמאָנסטראַציע פון כבוד און אָנערקענונג פאַר פרצן איז פאָרגעקומען אין וואַרשע צום צענטן יאָרצייט ביי דער פייערלעכער אָפּדעקונג פון פרץ־דענקמאָל (דער אוהל[6] - פרץ אויפן וואַרשעווער בית־עולם, געבליבן ביז איצט גאַנץ). אין דער פייערונג האָבן זיך באַטייליקט אַחוץ די

1) מילכאָמע. 2) רעדיפעס. 3) קוידעם־קאָל. 4) פאַריאָסעמטן. 5) לווייע. 6) אוי־העל־פערעץ.

וואַרשעווער יידן אויף הונדערטער דעלעגאַציעס פון שטעט און שטעטלעך פון פוילן און פון אַנדערע לענדער.

און אומעטום, ווו עס לעבן יידישע פאָלקסמאַסן, האָט מען אויסגעבויט אַרבעטער-קלובן און ביבליאָטעקן, שולן און קינדערהיימען, ליטעראַטור, און קולטור-געזעלשאַפטן אויפן נאָמען י. ל. פּרץ אַלס לעבעדיקע שפּעריגע דענק-מעלער פאַרן קלאַסיקער און איינעם פון די שעפער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור י צ ח ק ל י י ב ו ש פּ ר ץ.

* * *

גרויס אין פאַרנעם איז פּרצעס שאַפן און רייך, פּילגעשטאַלטיק—סיי אין ליטעראַרישע פאָרמעס סיי אין אינהאַלט.

פּרץ האָט געשריבן לידער אויף פאַרשיידענע מאָטיוון (אינטימע, סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע), נאָוועלן, דערציילונגען קלענערע און גרעסערע, מאָנאָלאָגן און מייסעלעך, אַלעגאָריעס, באַלאַדעס, פּאָעמעס און דראַמאַטישע פּאָעמעס, דראַמעס.

אַ סך ליטעראַרישע פאָרמעס און זשאַנערן האָט פּרץ דער ערשטער אריינ-געפירט אין דער יידישער ליטעראַטור און אין אַ סך פאָרמעס איז פּרצעס סטיל געוואָרן דער מוסטער, אויף וועלכן ס'האָבן זיך געלערנט און לערנען זיך ביז היינט יידישע שרייבער. פּרצעס יידיש איז געוואָרן דער יידיש פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

פאַרשיידן זיינען אויך די טעמעס און פּראָבלעמען, וואָס פּרץ באַרירט אין זיינע ווערק.

פּרץ שילדערט דאָס אַלטע, פאַרגליווערטע יידישע שטעטעלע „גרויס ווי אַ גענעץ", וואָס שטעקט נאָך טיף אין מיטלאַלטער סיי עקאָנאָמיש סיי קול-טורעל („מאָניש", „דאָס שטריימל", „מענדל בריינעס" א"א); ער שילדערט אויך דאָס זעלבע קליינע שטעטל אין דעם צעפאַלונגס-פּראָצעס, ווען עס שטאַרבט אָפּ עקאָנאָמיש צוליב די סאָציאַלע ענדערונגען אין פּוילישן דאָרף און שטאָט, צווישן וועלכע דאָס יידישע שטעטל האָט געלעבט („דער באַלע-גאָלע", „בילדער פון אַ פּראָווינץ-רייזע"). פּרץ שילדערט אָבער נישט סתם[1] ווי אַ זייטיקער. ער ווייזט אויף דעם קאַמף צווישן אַלטן און נייעם, צווישן פינצטערניש און נייע שטרעמונגען; ער זעט די פּוחות[2], וואָס אין זיי וועקט זיך דער פּראָטעסט קעגן דער הערשאַפט פון שטריימל און גביר[3], און פּרץ שטעלט זיך דייטלעך אַוועק אויף דער זייט פון די דאָזיקע פּוחות — אויף דער זייט פון אַרבעטס-מענטש.

---

1) סטאַם. 2) קויכעס. 3) גוויר.

פרץ שילדערט די גרויסע שטאָט מיט איר אימפעט און רויש, אין וועלכן מ׳הערט נישט, ווי ס׳קנאַקן די מאַרכביינער פון אַרבעטס-מענטשן אונטער דער לאַסט פון אומרעכט און אויסנוצונג, די גרויסע שטאָט מיט אירע קעגנזאַצן פון לוקסוס און אָרעמקייט, פון שווינדל, רויב, עלנט און דלות[1] („באָנטשע שווייג", „ביי אַ פרעמדן חופה קלייד", „דריי נייטאָרינס", „די קרעטשמע"). און פרץ איז מיט זיין גאַנצן האַרצן אויף דער זייט פון די אָרעמע און אונטער-דריקטע. זיי טרייסט ער און וועקט, און די רייכע און אויסנוצערס וואָרנט ער, אַז ס׳וואַכט אויף דער באַוווסטזיין פון אַרבעטס-מענטש, אַז ס׳ווערט אַלץ גע-וויגן און געמאָסטן און אַז ס׳וועט קומען די שעה[2] פון דין און אָפּרעכענונג.

פרץ שילדערט דאָס ביטערע לעבן פון דער יידישער פרוי, פון דער „יידענע", וואָס ווערט פאַרשוואַרצט אַ גאַנץ לעבן אין שפּאַן פון פרנסה, פון שטוב און קינדער, טראָגנדיק אויף די פּלייצעס אויך די ליידיקגייערישע בטלנישע[3] מענער, די בעסמעדרעשניקעס, וואָס מיינען נישט אַנדערש, אַז די ווייבער וועלן זיך פילן גליקלעך, ווען זיי וועלן זיין זייערע פוסבענקעלעך אין גן-עדן[4] („מענדל ברײנעס", „אַ כעס פון אַ יידענע"). פול מיט מיטלייד איז פרץ פאַר דעם גורל[5] פון דער פרוי, און פול מיט האַס און שפּאָט צו זייערע מענער. פרץ זעט אָבער אויך אַ גאַנץ אַנדערע באַציונג צו דער פרוי, אַ באַציונג אַ וואַרעמע, אַ מענטשלעכע ווי צו אַ גלייכן — און דאָס קומט דווקא מצד[6] האָרעפּאַשניקעס („שלום-בית", „אין קעלער שטוב").

פרץ שילדערט מיט ליבע און רחמנות[7] די איציקלעך, שיינדעלעך און אַנדערע יידישע קינדערלעך, וואָס טראָגן שוין אויף זייערע פּלייצקעלעך מולטערלעך ליים אין שטאָט אַריין צו פאַרקויפן, כדי[8] צו העלפן דער קראַנ-קער מאַמע, אָדער שלעפן זיך אַרום ביינאַכט הונגעריקע איבער גרויסשטאָטישע גאַסן, רימענדיק זיך מיט פרעמדע הייזער פון אויסגעטראַכטע פעטערס („אַ פראַגע", „וואָס די לבנה דערציילט").

און אָפט, זייער אָפט גייט פרץ אַוועק פון דער ווירקלעכקייט און זוכט זיך און געפינט זיך זיינע העלדן אין דער נאָענטער און וויטער פאַרגאַנגענהייט, אין זיין פאַנטאַזיע און אין דער יידישער פאָלקס-מעשה.

פרץ זוכט אָבער נישט קיין סתם פאַנטאַסטיק און ראָמאַנטיזם. יעדער אַזאַ העלד זיינער איז אַ סימבאָל פון אַ ליכטיקן שטריך פון פאָלקס-כאַראַקטער,

---

1) דאַלעס. 2) שאָ. 3) באַטלאָניש. 4) גאַניידן. 5) גוירל. 6) מיצאַד 7) ראַכמאָ-נעס. 8) קעדיי.

יעדער העלד איז אַ ביישפּיל און אַ מוסטער פון דעם, וואָס פּרץ וויל זען אין מענטשן:

מילדקייט און גאַסטפריינטלעכקייט („דער אַרענדאַר“), ערלעכקייט און באַשיידנקייט („זיבן גוטע יאָר“ א״א); שטאַנדהאַפטיקייט און בטחון[1] („דער קונצנמאַכער“ א״א); גערעכטיקייט און מיטלייד מיט דעם נויטבאַדערפטיקן און גרייטקייט זיך אָפּצוזאָגן פון פּערזענלעכן גליק לטובת הכלל[2] („ביים גוסס צו קאָפּנס“ א״א); שטאָלץ און דרייסטקייט אַנטקעגנצושטעלן זיך דער אומגע־רעכטיקייט, פון וועמען זי זאָל נישט קומען („בערל שניידער“); וואונדערשאַפנ־דיקע מסירת־נפש[3] פאַר אַ צווייטן („מסירת־נפש“ א״א); די גרויסקייט און דערהויבנקייט פון דער קלענסטער טאַט, וואָס איז געווענדעט צו העלפן אַ מענטשן („אויב נישט נאָך העכער“); גרייטקייט צו שטאַרבן פאַר דעם, וואָס דעם מענטשן איז הייליק („דריי מתּנות“) — און נאָך און נאָך שיינע שטריכן פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט האָט פּרץ געוויזן אין זיינע מעשיות און מעשהלעך[4].

איז טאַקע נישט קיין וואונדער, וואָס אויך די דאָזיקע ווערק זיינע זיינען ליב געוואָרן דעם אַמאָליקן יידישן אַרבעטס־מענטשן, וועלכער האָט פאַרשטאַנען אַרויסצושיילן פון ראָמאַנטיש־פאַרשטעלטע סימבאָלן דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט, מיט וועלכן זיי זיינען דורכגעדרונגען, און אויך זיי האָבן געדינט אין קאַמף פאַר אַ נייער, בעסערער וועלט, אין וועלכער אַזעלכע שיינע געשטאַלטן זאָלן קאָנען אויפקומען און לעבן, און נישט זיין קיין אויסטערלישע מתּנות.

פּרצעס ווערק באַווירקן און באַצויבערן אויך דעם היינטיקן יידישן לייענער.

אַוודאי און אַוודאי דאַרף און קאָן דער יידיש־לערער אויפדעקן פאַר דעם קינד פון אונדזער שול די שיינע בילדער און געשטאַלטן פּרצעס, זיי זאָלן ווערן נאָענט און ליב, כאָטש דאָס זענען געשטאַלטן פון אַמאָל.

* * *

ווי אַנדערש זעט אויס אונדזער לעבן היינט!

אין שטעט און שטעטלעך דרייען זיך נישט אַרום קיין האַלב־הונגעריקע, פאַרחושכטע בטלנים[5] און ליידיקגייער. יידן זיצן נישט אין די קלויזן נאָר אין די פאַבריקן, וואַרשטאַטן און ביוראָען צוזאַמען מיט פּוילישע אַרבעטער. קיינער פון זיי לעבט נישט פון בטחון נאָר מ י ט בטחון און זיכערקייט אין מאָרגן, וועלכן זיי בויען אַליין און פאַר זיך אַליין. פון יידישן לעבן, פון זיין אויבנאָן,

1) ביטאָכן. 2) לעטויוועס האַקלאַל. 3) מעסירעס־נעפעש. 4) מייסעס און מייסעלעך. 5) פאַרכוישעכטע באַטלאָנים.

איז פונלאַנג אַראָפּ דאָס שכּריימל, דער גביר און די איבעריקע פרומע קעץ, וואָס האָבן ניט געלאָזט קיין קאָפּ אויפהייבן דעם יידישן פאָלקסמענטש, וואָס האָבן געלאָשן יעדן פרייען געדאַנק.

די באָנטשעס גייען היינט מיט אויפגעהויבענע קעפּ איבער די גאַסן און זיי בעטן נישט און זיי בעטלען נישט. זיי ווייסן גוט, אַז אַלץ איז זייערס. זייער גבורה[1] פאַרוועגדן זיי נישט אויף אָפּצושטעלן אָדער צו פירן די קאַרע-טעס פון צעווילדעוועטע אויסנוצערס. זייער גאַנצע קראַפט גיבן זיי אַוועק דער פרייער שעפערישער אַרבעט, זיי זיינען די שלאָגלער און סטאַכאַנאָווצעס.

די בריינעס, חנהס און אַנדערע „יידענעס" זיינען היינט ביי אונדז פרייע מענטשן, גלייכבאַרעכטיקטע מיט די מענער אין דער פאַמיליע, ביי דער אַרבעט, אין לערנען און אין אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

גאָר אַנדערש קלינגט היינט דאָס ליד פון דער נייטאָרין. ניט וועגן נויט, פאַרצווייפלונג און טויט, נאָר וועגן גליק, לעבן און האָפענונג זינגען היינט יידישע און ניט יידישע פּראָלעטאַרקעס אין פאַבריקן און קאָאָפּעראַטיוון.

אויך די איציקלעך און שיינדעלעך טראָגן שוין ניט קיין ליים צו פאַרקויפן. אויב זייער מאַמע איז קראַנק, ווערט זי אומזיסט געהיילט און געשיקט אין אַן אָפּרו-הויז. זיי אַליין גייען אין דער מלוכהשער[2] יידישער שול און לערנען פּרצן.

העלדישע מעשים[3] דאַרף מען היינט נישט זוכן בלויז אין אויסטערלישע טאַטן פון אַלט-פאַרגאַנגענע צייטן. פול מיט העלדישקייט זיינען געווען די קאַמפן פון די יידן און ניט יידן אויף די פראָנטן קעגן היטלעריזם, אין די פאַרטיזאַנישע אָטריאַדן און אין ווידערשטאַנד צווישן די פאַלנדיקע ווענט אין די געטאָס.

און פול מיט העראָיזם איז יעדער טאָג פון היינט, מיט העראָיזם פון באַפרייטער אַרבעט, ווען יעדער ציגל פון אַ ניי-אויסגעבויטן הויז, יעדער פאַרזייט פעלד, יעדע נייע מאַשין, יעדער אויפגענייטער מלבוש — איז נאָך אַ ציגל צום בנין[4] פון סאָציאַליזם.

* * *

דאָס אַלץ דאַרף און קאָן דער לערער ווייזן די קינדער לערנענדיק פּרצעס ווערק אין שול.

דערמיט וועט פאַר די קינדער נאָך נאָענטער, נאָך ליבער ווערן די גרויסע געשטאַלט פון יצחק לייבוש פּרץ.

ש. פּעררמאַן.

1) גוורע. 2) מעלוכעשער. 3) מייסים. 4). ביניען.

דאָס שטריימל

זיין בין איך אַ קירזשנער, נאָר דער עיקר[1] — אַ שטריימלמאַכער. אמת[2] איז, אַז דאָס רוב פּרנסה[4] האָב איך פון פויערישע סיערמיענגעס און טרעגער־פּעלצלעך.

עס פאַלט אויך אַמאָל אַריין לייב מילנער מיטן שאָפּן־פּעלץ...

אמת איז, אַז אַ שטריימל טרעפט זיך זעלטן, זייער זעלטן: דען — ווער טראָגט היינט אַ שטריימל? אַ רבי![5] און אַ שטריימל לעבט אים שטענדיק איבער...

אויך איז אמת, אַז ווען עס טרעפט זיך שוין אַ שטריימל, מאַך איך עס ערשט אומזיסט, אָדער האַלב אומזיסט. לכל הפּחות[6]—לייג איך מיין אַרבעט צו. דאָס אַלעס בין איך מודה[7], און דאָך בין איך דער עיקר אַ שטריימלמאַכער, ווייל אַ שטריימל האָב איך ליב צו מאַכן!

אַז עס קומט מיר אין די הענט אַריין, איז—פיל איך ערשט, וואָס איך בין און וואָס איך קאָן!

פון וואָס דען, זאָגט אַליין, זאָל איך הנאה[8] האָבן?

איך פלעג אַמאָל נחת[9] האָבן פון פויערישע סיערמיענגעס...

ערשטנס: פאַרוואָס נישט?

צווייטנס, האָב איך מיר געטראַכט: „דאָס פויערל גיט אונדז ברויט, ער

---

1) דעריקער. 2) עמעס. 3) דאָס ראָוו. 4) פּאַרנאָסע. 5) ראָוו. 6) לעכאָלאַפּאָכעס— צום ווינציקסטן. 7) מוידע. 8) האַנאָע. 9) נאַכעס.

אַרבעט זומער אַזוי שווער און ביטער, און איך קאָן אים ניט שיצן פאַר דער זון, וועל איך כאַטש ווינטער, ווען ער רוט, אים אָפּהיטן פון קעלט!״

און דריטנס: האָב איך געהאַט אַ פיין לידעלע דערצו!

אַ יונגערמאַן בין איך געווען, אַ קול[1] האָב איך געהאַט ווי אַ גלאָק, און איך פלעג נייען און זינגען:

„שטעך, נאָדל, שטעך,
אַ לעדער ווי אַ בלעך.
אַ פוטער ווי אַ באַרשט!
ס׳מאַכט זיך אַ סיערמיענגע פיין,
ס׳וועט דעם פויערל וואַרעם זיין...
מרים[2] —לעב, מיך דאַרשט!״

און אַזוי ווייטער! נאָך עטלעכע סטראָפן... און דאָס לידל פאַרשטייט זיך איז נאָר געמאַכט געוואָרן עס זאָל אויסקומען דער—„מרים לעב, מיך דאַרשט!״

ווייל איר מוזט וויסן, אַז די היינטיקע אישה צנועה מרת מרים־דוואָשע[3], איז דעמלט נאָך קיין גבאיטע[4] נישט געווען, זי האָט מיך נישט גערופן ווי היינט, „בערל קאַלבאַס״ נאָר „בערעלע״, און איך פלעג זי רופן „מרים לעב!״ עס איז, בעוונותינו הרבים[5], געווען אַ גרויס ליבשאַפט צווישן אונדז, און קוים האָט זי דערהערט — אַז מיך דאַרשט, האָט זי מיר באַלד דערלאַנגט אַ ביסל ווייסל־שנאַפּס!

היינט — אויס!

איך הייס „בערל קאַלבאַס״, זי „מרים־דוואָשע״...

אויך בין איך געוואָר געוואָרן, אַז ערד איז דאָ ווייניקער, פויערן—אַ סך...

מע זאָגט: צופיל... אַז די „איבעריקע״ פויערן ליידן הונגער, אַז אַפילו פון זעקס מאָרגן ערד קאָן מען אויך נישט לעבן, אַז ווינטער, דעריבער, רוט דאָס פויערל נישט.

עס גייט ערשט אַ „זוואָזקע!״

אַ שיינע רו האָט ער עס ווינטער! גאַנצע טעג און נעכט פירט ער ווייץ אין לייבלס מיל אַריין!

וואָס קלערט איר? איך קאָן אַ סך נחת האָבן, אַז מיין סיערמיענגע, מיין

---

1) קאָל. 2) מיריעם. 3) אישע צנוע מאַראַס מיריעם־דוואָשע. אישה צנועה — באַשיידענע פרומע פרוי. מרת — אַ טיטל פאַר אַ חשובער פרוי, אַ שטייגער ווי מאַדאַם. 4) גאַבעטע — אין דעם פאַל מיינט צו זאָגן אַ פרומע. 5) באַאַוווינוסיינו האַראַבים— צוליב אונדזערע פיל זינד. דאָ מיינט מען: מען מוז מודה זיין, אַז אַזאַ זינד איז געווען.

פראַצע ווערט אַ גאַנצן ווינטער אויסגעווייקט, נאָכקריכנדיק אַ פּאָר פּגירהשע[1] פערד, וואָס שלעפּן לייבל מילנערס תּבֿואה[2] פאַר 13 גראָשן פער זאַק[3], פאַר פינף מייל וועגס!

און וואָס האָב איך פאַר אַ נחת פון אַ טרעגער-פּעלצל?

אַ גאַנצן ווינטער טראָגט עס זעק מיט מעל אין לייבל מילנערס מיל אַריין און אַ גאַנצן זומער ליגט עס פאַרזעצט אין שענק פאַר חי[4] גראָשן.

אלול-צייט[5], אַז מע ברענגט עס מיר אויפצוריכטן, ווער איך נאָך שיכּור[6] פון ריח[7] פון שלעכטן בראָנפן!

און אַז לייבל מילנערס שאָפּן-פעלץ, בכּבֿודו ובעצמו[8], פאַלט מיר אין די הענט אַריין, ווי מיינט איר, האָב איך נחת דערפון?

עס איז טאַקע אַ שאָפּן-פעלץ, עס איז טאַקע אַ כּבֿוד[9], מע האָט טאַקע דערפאַר דרך-ארץ[10] אין שטעטל. נאָר מיר קומט דערפון קיין גוטס נישט אַרויס.

איך האָב אַ מיאוסע טבֿע[11] געקריגן: איבער וואָס איך זע, האָב איך ליב צו קלערן: פונוואַנען עס קומט? פאַרוואָס עס איז אַזוי? צי קאָן נישט אַנדערש זיין? און אַזוי ווי איך קריג לייבל מילנערס פעלץ אין דער האַנט אַריין, הייב איך אָן צו קלערן:

רבונו של עולם![12] נאָכוואָס האָסטו באַשאַפן אַזויפיל מינים פעלצן? פאַרוואָס האָט איינער אַ שאָפּן-פעלץ, דער צווייטער אַ טרעגער-פּעלצל, און דער דריטער אַ סיערמיענגע און אַ פערטער גאָרנישט?

און קוים הייב איך אָן קלערן, פאַרטראַכט איך מיך, די נאָדל בלייבט שטיין, און האישה צנועה מרת מרים תּחיה[13] וואַרפט מיר, וואָס עס קומט איר אונטער דער האַנט, אין קאָפּ אַריין...

זי וויל גלייך מיט אַלע, אַז „בערל קאַלבאַס" זאָל וויניקער קלערן און מער אַרבעטן...

נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך מוז קלערן! אַז איך ווייס פאָרט, אַז לייבל מילנער לאָזט זיך נישט פריער איבערשטרייכן דעם שאָפּן-פעלץ, ביז ער רייסט נישט אָפּ אַ גראָשן פון זאַק דער סיערמיענגע, און דעם אייגענעם גראָשן פער פוד דעם פעלצל...

נו, זאָל איך פון דעם נחת האָבן?

* * *

---

1) פּעגירישע — אַלטע, קראַנקע. 2) טוווּע. 3) פער זאַק — פאַר יעדן זאַק. 4) כיי—אַכצן. 5) עלעל-צייט. 6) שיקער. 7) רייעך. 8) ביכבוידוי אובעאַצמוי—מיט זיין אייגענעם כּבֿוד. 9) קאָוועד. 10) דערעך-ערעץ. 11) מיעסע טעווע. 12) ריבוינע-שעל-אוילעם — גאָטעניו. 13) טיכיע — זאָל לעבן.

אַך, איך האָב שיר נישט פאַרגעסן!

אַ וואָך פאַר סליחות[1] האָט זיך מיר שיר נישט געמאַכט אַ נייע מאָדנע אַרבעט... וואָס ווייבער קאָנען! עס קומט אַריין פריידל די גבאיטע[2] מיט שרעקלעך גרויסע האַנטשן אויף די הענט — איך קוק מיך צו, עס איז אַ פּאָר פויערישע שטיוול — איך האָב געמיינט, אַז איך פּלאַץ פאַר געלעכטער.

— גוט־מאָרגן! — מאַכט זי צו מיר מיט איר זיס־אָפּגעריסן קעלכל, — גוט־מאָרגן, בערעלע!

זי איז מיין ווייבס חברטע[3] און איז זיך נוהג[4], פּונקט ווי די גאַנצע שטאָט און רופט מיך שטענדיק „בערל קאָלבאַס”; הייסט: בערעלע! און אַזוי זיס, איינגעמאַכטס דערפון צו פרעגלען! פאַרשטיי איך שוין, אַז זי דאַרף עפּעס צו מיר...

איך קלער, אַז זי האָט די פויערישע שטיוול פון אַ וואָגן „אַראָפּגעצויגן” (עס איז דאָך נישט ערגער פאַר קליין־געלט פון צדקה־פּושקע[5]) און וויל ביי מיר די סחורה[6] באַהאַלטן! — פרעג איך זי שטרענג:

— וואָס ווילט איר?

— באַלד מיטן „ירגזון”[7], — ענטפערט זי נאָך זיסער, האָניק רינט איר פון אַלטן מויל אַרויס, — באַלד „וואָס ווילט איר?” און ווי איז דער „גוט־יאָר”?

— זאָל זיין „גוט־יאָר”, נאָר אַן עק —

— וואָס איילסטו זיך, בערעלע — שמייכלט זי נאָך זיסער — אָט, בין איך געקומען דיך פרעגן, אויב דו האָסט נישט עטלעכע שטיקלעך פוטער.

— און וואָס איז, אַז כ'האָב?

— וואָלט איך דיר אָנגעשלאָגן אַן עסק[8] — מאַכט זי.

— נו? אַרויס דערמיט! רעדט!

— דו זאָלסט זיין אַ גוטער, „בערעלע”, וואָלסטו מיר אויסגעבעבעט אָט די שטיוול מיט שטיקלעך פוטער! איך וואָלט געהאַט אין וואָס צו גיין צו סליחות, און דו וואָלסט דיר גאָר וואָלוול אַ מצווה[9] געקויפט!

איר פאַרשטייט אַ מסחר?[10] אַ „וואָלוועלע מצווה”!

— איר ווייסט דאָך — זאָג איך איר — אַז בערל קאָלבאַס איז נישט קיין בעל עסקן[11] אויף מצוות?

1) סליכעס — די תּפילות, וואָס פרומע יידן פלעגן זאָגן פאַרטאָג פאַר ראָש־השנה. 2) גאַבעטע — דאָ געמיינט אַזאַ, וואָס פאַרנעמט זיך מיט קלייבן נדבות און אַנדערע אַזעלכע מצוות. 3) כאַווערטע. 4) נויהעג — פירט זיך. 5) צדאָקע־פּושקע — אַ קעס־טעלע אויף אַריינצוּוואַרפן נדבות פאַר אָרעמעלייט. 6) סכוירע. 7) יירגאָזן — שטרענגקייט, בייזקייט. 8) אייסעק — געשעפט. 9) מיצווע. 10) מיסכער. 11) באַל־אַסקן — טוער, דאָ געמיינט, אַז בערל האַנדלט נישט מיט קיין מצוות.

— נאָר וואָס? פון אַן אָרעמער יידענע וועסטו געלט נעמען?

— נו, נישט קיין געלט! איך וועל אייך עס טאָן פאַר גאָר אַ קלייניקייט! אי ך וועל אייך אויסבעטן די שטיוול, און אי ר וועט נאָר מיר דערציילן, אייערע חטאת-נעורים...[1]

וויל זי נישט, האָב איך זי אָפּגעשיקט צו אַן איינבינדער!

בעט איך נישט קיין שטיוול אויס! עס איז מיר אַזוי אויך נמאס ומאוס[2] פאַרן לעבן! איר לאַכט? און דאָך, אַז איך האָב נישט קיין שטריימל, איז מיר אַלעס נמאס ומאוס! וואָרעם וואָס? אויף וואָס אַרבעט איך? אַלץ דעם שטיק חומר[3] אָנצולייגן! און מיט וואָס? מיט ברויט און מיט קאַרטאָפל, ברויט אָן קאַרטאָפל און גאַנץ אָפט נאָך מיט קאַרטאָפל אָן ברויט! כדאַי?[4]

גלייבט מיר, אַז אַ מענטש אַרבעט פופציק יאָר און עסט פופציק יאָר טאָג-טעגלעך קאַרטאָפל, מוז אים נמאס ומאוס ווערן דאָס לעבן! מוז אים דאָך אַמאָל איינפאַלן — זיך, אָדער לייבל מילנער, אַ מעשה צו טאָן![5] און אויב איך עס ווייטער רויק מיינע קאַרטאָפל און אַרבעט ווייטער, האָב איך עס נאָר דעם שטריימל צו פאַרדאַנקען!

אַז איך קריג אַ שטריימל אין דער האַנט אַריין, ווערט מיר אויפגעפרישט דאָס בלוט אין די אָדערן, ווייס איך, נאָכוואָס איך לעב!

. . . .

מאַכנדיק דאָס שטריימל, פיל איך, אַז איך האַלט אַ פויגל אין דער האַנט, און אָט וועל איך זי עפענען, וועט דער פויגל אַרויספליען הויך, הויך, קוים מיטן אויג צו דערזען! און איך וועל שטיין און קוקן און קוועלן: דאָס איז מיין פויגל, אי ך האָב'ן געמאַכט, איך האָב'ן אַרויפגעשלאָגן אין דער הייך!

אין שטאָט, ברוך השם,[6] האָב איך קיין דעה[7] נישט, צו קיין אסיפה[8] רופט מען מיך נישט, אַליין גיין — בין איך קיין שניידער נישט, איך קום נישט כמעט[9] אַרויס אין גאַס אַריין! איך האָב קיין שטאָט נישט, נישט אין שול, נישט אין בית-מדרש[10], נישט ביי אַ מנין![11] איך האָב אויף גאָרנישט, אין ערגעץ ניט צו שאַפן... אין דער היים איז מות מרים די רייטערקע! איידער איך פרווו עפענען דאָס מויל צו ריידן אַ וואָרט, באַהאָגלט זי מיך שוין מיט קללות[12], זי ווייסט שוין וואָס איך וויל זאָגן, וואָס „בערל קאָלבאַס" מיינט און עס קאָכט!

1) כאַטאַס-נעורים — די זינד פון דער יוגנט, פון אַמאָל. 2) נימעס-אומאָעס — שטאַרק דערעסן. 3) כוימער—קערפּער. 4) קעדײַ. 5) מייסע צו טאָן—געמיינט: נעמען דאָס לעבן. 6) באָרעך-האַשעם — געלויבט גאָט. 7) דייע. 8) אַסיפע — פאַרזאַמלונג. 9) קימאַט. 10) בעסמעדרעש. 11) מיניען — צען צום דאַווענען. 12) קלאָלעס.

נו, וואָס בין איך? אַ גאָרנישט, און דאָך, לאָז איך אַמאָל אַרויס אַ שטריימל אויף קהל[1] – בייגט זיך קהל אין דרייען!

איך זיץ אינדערהיים און שווייג, און מיין שטריימל שאָקלט זיך אויבנאָן אויף אַ חתונה[2], אויף אַ ברית, אויף אַ סעודת מצוה[3]... עס הוידעט זיך איבערן גאַנצן עולם[4] ביי דער קלפּי[5], ביי אַ דין־תּורה[6]!

און אַז איך דערמאָן זיך אין דער גדולה[7], וואַקסט מיר טאַקע דאָס האַרץ...

* * *

קעגניבער מיר וווינט אַ שמוקלער... איך בין אים אָסור[8] נישט מקנא![9]

זאָל זיינער אַן עפּאָלעט, אָדער אַ שליפּע, זאָגן אויף איין אָקס „טריף“[10] און אויף אַ צווייטן „כשר“![11] אַדעראַבּע, לאָמיר זען! און אַז מיין שטריימל זאָגט אויף פיר אָקסן דורכאַנאַנד: „טריפה“!–ווערט דער קצב[12] אויסגעריסן, די העקער־יונגען באַהאַלטן די ציין אין בייטל, דאָס גאַנצע שטעטל האָט נייע „ניין טעג“[13], אַ גאַנצע סאָטניע קאָזאַקן קריגן פאַר זעקס גראָשן אַ פונט פלייש, און פאַרפאַלן! עס רעדט קיינער נישט אַ וואָרט!

אָט דאָס הייסט אַ גבורה![14]

איך געדענק דען נישט? פאַראַיאָרן איז געווען אַ פגירה[15] אויף שאָף. עפּעס, זאָגט מען, מאַכן די שעפּעלעך אַזוינע מאָדנע הקפות[16], ביז זיי פאַרדרייען די קעפּלעך און פאַלן אַנידער טויט! איך בין נישט געווען דערביי; „הקפות“ איז „הקפות“, נאָר מן־הסתּם[17] האָט שוין יענקל קצב געהאַט וואָלוול שאָפּן־פלייש!

דער וועטערינאַר איז געקומען און געזאָגט: טריף! מע הערט אים ווי די קאַץ!

ער האָט אַראָפּגעבראַכט פירערליי עפּאָלעטן, אַ פּאָר שליפּעס![18] מע האָט זיי אַלע אַוועקגעגאַנוועט דאָס פלייש פון אונטער די הענט, און נאָך אויפן דריטן טאָג האָט דאָס גאַנצע שטעטל געהאַט וואָלוול כשר פלייש אויף וועטשערע!

---

1) קאָהעל — דאָ געמיינט אַלע יידן פון שטאָט. 2) כאַסענע. 3) סודאָס מיצווע— אַ סעודה פאַרבונדן מיט עפּעס אַ רעליגיעזער צערעמאָניע. 4) אוילעם. 5) קאלפּע — וואַלן. 6) דין־טוירע — אַ געריכט ביים רב. 7) געדולע. 8) אָסער — דאָ געמיינט: אויף מיין וואָרט. 9) מעקאַנע. 10) קאָשער. 11) טרייף. 12) קאַצעוו. 13) „ניין טעג“ — די טעג פון ערשטן ביזן ניינטן טאָג אין חודש אָב (תשעה באָב), וועלכער איז געווען אַ טרויער־טאָג צום אָנדענק פון חורבן פון צווייטן בית־המקדש אין ירושלים דורך די רוימער (יאָר 70 נ"ק). אין די ניין טעג פלעגן פרומע יידן נישט עסן קיין פלייש. 14) גווורע—קראַפט. 15) פּעגירע—דאָ געמיינט אַן עפּידעמיע. 16) האַקאָפעס—דאָ געמיינט זיך דרייען אַרום זיך. 17) מינאַסטאַם. 18) עפּאָלעטן, שליפּעס—אָפּצייכענונגען פון אָפיצערן.

ביי מיין שטריימל גאַנוועט מען נישט! עס דאַרף קיין שליפּעס, קיין עפּאָלעטן נישט, ער אַליין רירט זיך אויך נישט פון אָרט! און כּל זמן[1] מיין שטריימל זאָגט נישט: עס! — עפּנט זיך אין שטעטל קיין מויל נישט אויף!

* * *

איר מיינט אפשר[2], אַז די גבורה שטעקט אין דעם, וואָס איז אונטערן שטריימל? אָסור חזיר[3]!

איר ווייסט אפשר נישט, וואָס דערונטער איז?

איך, ברוך השם, ווייס!

די בריאה[4] איז, ברוך השם, פריער אין נאָך אַ קלענער שטעטל אַ מלמד[5] געוועזן, און מיין טאַטע, עליו השלום[6], איידער ער האָט געזען, אַז עס וועט שוין פון מיר קיין לייט נישט זיין, האָט ער מיך אַהין געשיקט צו דער בריאה לערנען! עס איז געוועזן, רחמנא לצלן[7], אַ שלימזל, וואָס די וועלט פאַרמאָגט עס נישט! אַ זעלטענער מלמד!

די באַלעבאַטים האָבן געזען, אַז ער קען זיך נישט אויף קיין „צורת מטבע"[8] האָבן זיי אים באַלד אָפּגעריסן אַ העלפט שכירות[9], און די צווייטע העלפט געצאָלט מיט אָפּגעריבענע צווייערס פאַר דרייערס, אָדער מיט בלעכענע פּערציקערס; די רעבעצן האָט געזען, אַז זי וועט מיט אים מיט גוטן נישט אַרויס, פלעגט זי אים טאָג-טעגלעך דאָס בערדל אויסצופּן!

און איר האָט איר נישט וואָס פאַריבל צו האָבן!

ערשטנס, האָט געפעלט פרנסה[10]; צווייטנס, האָט אַ יידענע ליב צו צופּן; דריטנס, האָט ער שוין אַזאַ בערדל געהאַט, וואָס האָט זיך געבעטן, כּמעט[11] געכאַלעשט, מע זאָל עס צופּן! עס האָט אַזוי באַשיימפּערלעך געבעטן, אַז מיר, תּלמידים, האָבן זיך אויך נישט געקענט איינהאַלטן, און אַלע מאָל האָט זיך אַן אַנדערער געמוזט אַראָפּלאָזן אונטערן טיש, צוכאַפּן זיך צום רבנס בערדל און אויסרייסן אַ האָר:

נו, זאָגט אַליין: קאָן אין אַזאַ בריאה שטעקן אַ גבורה?

אפשר מיינט איר, ער איז מיט דער צייט אַנדערש געוואָרן?

---

1) קאָלזמאַן — ביזוואַנען. 2) עפּשער. 3) אָסער כאַזער — דאָ געמיינט: זיכער נים. 4) בריע — באַשעפעניש. 5) מעלאַמעד. 6) אָלעוואַשאָלעם — ווערטלעך: פריד צו אים. אַזוי פלעגט מען זאָגן ביים דערמאָנען אַ טויטן. 7) ראַכמאָנע ליצלאָן — גאָט זאָל היטן. 8) צורעס-מאַטבייע — געמיינט, אַז ער האָט נישט געוווּסט וואָס אויף דער וועלט טוט זיך, נישט פאַרשטאַנען גאָרנים אין געלט-זאַכן. 9) סכירעס — לוין. 10) פּאַרנאָסע. 11) קימאַט.

אסור חזיר! עס איז אין אים קיין שום ענדערונג נישט געשען! די אייגענע קליינע, פאַרלאָשענע, מיט אייטער פאַרגאָסענע, בטלנישע[1], שטענדיק דערשראָקענע אויגן!..

נאָר, וואָס דען איז געשען? נישט מער נאָר, וואָס איך האָב אים אַ שטריימל געמאַכט!..

איך בין מודה ומתודה[2], אַז נישט מיין עצה[3] איז עס געווען! מיר וואָלט עס גאָרנישט איינגעפאַלן!

קהל האָט באַשטעלט און איך האָב געמאַכט. נאָר קוים איז דאָס אייגענע קהל געוואָר געוואָרן, אַז דאָס שטריימל, וואָס זיי האָבן ביי מיר באַשטעלט, וואָס איך, אָרעמער „בערל קאָלבאַס", האָב געמאַכט, קומט צו פאָרן און איז שוין אַ וויאָרסט הינטער דער שטאָט, איז עס אַרויסגעלאָפן מיט אַ שמחה[4], מיט אַ גדולה! קינד-און-קייט איז אַרויסגעלאָפן, קראַנקע זענען פון די בעטן אַרויס! מע האָט אויסגעשפּאַנט די פערד, און גאַנץ קהל האָט זיך אויף איין מאָל געוואָלט איינשפּאַנען און שלעפּן מיין שטריימל; גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ מחלוקת[5] עס וואָלט פון דעם אַרויס! וואָס פאַר אַ פּעטש, וואָס פאַראַ מסירות... ווען נישט וואָס אַ חכם[6] האָט אַן עצה געגעבן: מע זאָל מאַכן אַ ליציטאַציע!

און לייבל דער מילנער האָט געגעבן ח"י מאָל ח"י זהובים[7], און ער איז געווען דאָס ערשטע פערד!

נו, שטעקט נישט אַ גבורה אין מיין שטריימל?

* * *

מיין אישה צנועה רופט מיך (אַחוץ בערל קאָלבאַס) נאָך עזות-מחוצפניק[8], כל-בוניק[9] און וואָס דאָס וואַסער ברענגט איר אין מויל אַריין...

עס איז אמת, אַ מענטש איז קיין חזיר נישט! איך האָב הנאה פון אַ גלייכווערטל; איך האָב אַמאָל ליב לייבל מילנער, אין די אויגן און הינטער די אויגן, אַריינצוזעצן אַ שפּילקע.

נאָר, גלייב מיר, אַז נישט דאָס דערהאַלט מיך ביים לעבן!

מיך דערהאַלט ביים לעבן איין זאַך: איך ווייס, אַז איך לאָז איין מאָל אין אַ יובל[10] אַרויס אַן עבודה-זרהלע[11] אויף קהל, און דער גאַנצער עולם בוקט זיך צו איר, צו מיין „מעשי ידי"[12]!

---

1) באַטלאָניש. 2) מוידע אומיסוואַדע — זאָג אויס דעם אמת. 3) אייצע. 4) סימכע. 5) מאַכלויקעס — קריגערײ. 6) כאָכעם. 7) כיי מאָל כיי זעהוווים—אַכצן מאָל אַכצן גילדן. ביי יידן איז אַמאָל די צאָל אַכצן געווען אָנגענומען פאַר אַ מזלדיקער, ווייל „חי" באַטייט אויך „לעבן". 8) אַזעס-מעכוצעפניק — אַ חוצפּהדיקער, פאַרשייטער. 9) קאָלבויניק — אַ מענטש וואָס פאַרמאָגט אַלע שלעכטע זייטן. 10) יויוול — דאָ געמיינט: זייער זעלטן. 11) אַווידע-זאָרע — אַן אָפּגאָט. 12) מאַאַסע יאָדײ — די אַרבעט פון מיינע הענט.

איך ווייס, אַז מיין אישה צנועה הערט מיך ווי די קאַץ, אָבער מיין שטריימל מ ו ז זי פאָלגן!

ווען זי קומט אַ היים ערב שבת ויום־טוב[1] פון יאַטקע אָן פלייש און שילט דעם קצב – ווייס איך, אַז דער קצב איז אַ מכה[2] שולדיק, אַז מיין שטריימל לאָזט זי היינט קיין קוגל נישט מאַכן!

איך ווייס, אַז ווען זי נעמט נאָך אַ גאָר אַ גוטן טאָפּ און וואַרפט אים אַרויס אין גאַס אַריין, אַז דאָס האָט נישט זי, נאָר מיין שטריימל אַרויסגעוואָרפן! אַז ווען זי נעמט און קנייפּט אויס פון ראָשטשענע אַ שטיק טייג און וואַרפט עס אין פייער אַריין, און הייבט אויף די הענט און פאַרגלאָצט די אויגן צום באַלקן, ווייס איך גאַנץ גוט, אַז דער באַלקן הייבט דערפון גאָרנישט אָן צו וויסן, – אַז דאָס האָט גאָר מיין שטריימל דאָס שטיקל טייג פאַרברענט!

* * *

און דערביי ווייס איך, אַז מיין אישה צנועה איז נישט קיין בת יחידה[3] ביי קהל, און קהל איז נישט קיין בן־יחיד[4] ביי גאָט; אַז קהל האָט אַ סך אַזוינע נשים צדקניות[5] און גאָט ברוך־הוא[6] האָט אַ סך, אַ סך אַזוינע קהלס, און אַז מיין שטריימל האָט איבער אַלע מיליאָנען מיליאַסן נשים צדקניות צו שאַפן!

מיליאָנען ווייבער מאַכן נישט קיין קוגל, מיליאָנען טעפּ פּלאַצן אויף די שטיינער אין גאַס, און פון דעם חלה[7]־נעמען וואָלט איך מיך אונטער־גענומען מפרנס[8] צו זיין אַ פאָלק אביונים[9]!

און ווער טוט דאָס אַלעס? אַלץ מעשי־ידיי! אַלץ מיין שטריימל!

* * *

ווייטער דער שמוקלער! אָט זיצט ער קעגניבער דעם פענצטער! זיין פּנים גלאַנצט, גלייך מע וואָלט עס מיט שמאַלץ באַשמירט.

וואָס גלאַנצט עס? וואָס פינקלען אים די לויפנדיקע אייגעלעך?

ער האָט אָנגעדרייט אַ פּאָר גאָלדענע שליפעס!

ערשטנס, ווייסן מיר, וואָס גאָלד און וואָס מישורא איז! און צווייטנס, ווייס איך, אַז אַ פּאָר שליפעס מוזן צען מאָל מער זעלנער האָבן הינטער זיך אַלס לייבלס שאַפּן פעלץ – סיערמיענגעס און טרעגער־פעלצלעך! און היינט זאָל פּרוּוון די גרעסטע גאָלדענע שליפּע אַרויסגעבן אַ פּריקאַז: „צען אָקסן

1) ערעוו שאַבעס וועיאָנטעוו. 2) מאַקע. 3) באַס־יעכידע — איין און איינציקע.
4) בען־יאָכיד — איין און איינציקער. 5) נאָשים צידקאָניעס — פרומע ייִדענעס.
6) באָרעך־הו — געלויבט איז ער. 7) כאַלע נעמען — פרומע ווייבער פלעגן האָבן אַ מנהג פאַר יעדן באַקן אַרייַנצוּוואַרפן אַ שטיק טייג אין פייער אַריין. 8) מעפאַרנעס זיין — באַשפייזן. 9) עוויוינים — אָרעמעלייט.

זאָלסטו קוילען און אַ האַלבן קאָכן!" — „קרענק זאָלסטו קייען, פּירעזליי געפּעס האָבן און די מילץ עסן אויף דער לינקער זייט טעלער!" — „פון יעדן ביסן זאָלסטו וואַרפן אַ שטיק אין פייער אַריין אָדער אין וואַסער אַריין!"—„מיט מיר — אַלעס, אַפילו צעזעצטערהייט, אָן מיר — נישט אַ לעק".

די גרעסטע גענעראַלסקע שליפע וועט גאָר די פאַנטאַזיע, די העזה[1] דערצו נישט האָבן! און ווען יאָ, וואָלט זי געמוזט פאַרזייען מיט נייע זעלנער די גאַנצע מדינה[2]. און וויפל וואָלטן דערביי גניבות[3] געשען, וויפל קאָנטראַבאַנדע! וויפל וואָלט מען אָפּגענאַרט! רבונו־של־עולם, ווי פאַרמאָגט מען דאָס!

און מיין שטריימל טוט דאָס אַלעס, און שטיל און פיין, אָן נאַהייקעס, אָן קאָזאַקן!

נישט אין זיי אַלע שטעקט די גבורה, אין שטריימל שטעקט זי! נישט אין פאַגאָנעס, נישט אין שליפעס, נאָר אַלץ אין שטריימל, וואָס איך „בערל קאָלבאַס" מאַך.

און דאָס נאָר דערהאַלט מיך ביים נאַרישן לעבן פון קאַרטאָפל.

1) האָזע. 2) מעדינע. 3) גענייוועס.

די פרומע קאַץ

דריי זינג פייגעלעך זיינען געווען אין שטוב, און אַלע דריי איינס נאָכן צווייטן — האָט די קאַץ צורעכט געמאַכט...

עס איז קיין איינפאַכע קאַץ נישט געווען, נאָר אַן אמת[1], אמת פרומע נשמה[2], וואָס האָט נישט אומזיסט געטראָגן די ווייסע גוט-יידישע יופּע און געהאַט אייגעלעך, אין וועלכע דער הימל האָט זיך געשפּיגלט...

עס איז אַ פרומע קאַץ, אַ טבילה קאַץ[2] געווען! צען מאָל אין טאָג האָט זי זיך געוואַשן... און געגעסן האָט זי שטיל, ערגעץ אין אַ זייט, אין אַ ווינקעלע...

אַ גאַנצן טאָג האָט זי געכאַפּט וואָס-עס-איז מילכיקס, און ערשט, אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט זי געגעסן פליישׁ, כשר[4] מויזן-פליישׁ...

און נישט געאיילט זיך צו דער אכילה[5] ווי אַ גראָבע זאַך. נישט געכאַפּט און נישט געשלונגען, ווי פּרעסער טוען, נאָר בנעימות[6], שפּילנדיק... זאָל דאָס מייזל לעבן נאָך אַ רגע[7], נאָך אַ רגע... זאָל עס אַ ביסל אַרומטאַנצן, אָפּציטערן, ווידוי[8] זאָגן — אַ פרומע קאַץ כאַפּט נישט...

אַז מען האָט אין שטוב אַריין דעם ערשטן זינג-פויגל געבראַכט, האָט זי אויף אים באַלד רחמנות[9] באַקומען, עס האָט זי ביים האַרץ אָנגעכאַפּט.

---

1) עמעס. 2) נעשאָמע. 3) טווילע — באָדן, אָפּטונקען זיך אין מקוה. 4) קאָשער. 5) אַכילע — פרעסן. 6) בינימעס — שטיל. גלאַסן. 7) רעגע. 8) ווידע — די תפילה וואָס פרומע יידן פלעגן זאָגן פאַרן טויט. 9) ראַכמאָנעס.

— אַזאַ שיינס, — זיפצט זי, — אַזאַ קליינס, אַזאַ מחיהדיק[1] פייגעלע זאָל קיין עולם הבא[2] נישט האָבן!

—און עס קען קיין עולם־הבא נישט האָבן! – איז זיכער די קאַץ –

ערשטנס, וואָשט זיך עס דייטשעריש, מיטן גאַנצן לייב אין שיסעלע וואַסער...

צווייטנס, אַז מע האָט עס איינגעזעצט אין שטייג, איז עס שוין אַ חיה־רעה[3], כאַטש אַ יונג, זיס און פיין זינג־פייגעלע... האַלט עס שוין מער פון דינאַמיט, ווי פון שולחן־ערוך[4]!

היינט דאָס זינגען אַליין! דאָס אויסגעלאַסענע זינגען, דאָס פייפן און דאָס קוקן גלייך אָן דרך־ארץ[5] אין הימל אַריין! דאָס רייסן זיך אַרויס פון שטייג צו דער זינדיקער וועלט, צו דער פרייער לופט, צום אָפענעם פענצטער...

צי איז נאָך אַמאָל אַ קאַץ אין אַ שטייג געזעסן? צי האָט נאָך אַמאָל אַ פרומע קאַץ אַזוי געפיפן, אַזוי זימרי־בן־סלודיק[6] געפיפן?

— און אַ שאָד! – וויינט דאָס פרומע האַרץ אין דער פרומער קאַץ, – עס איז דאָך אַ לעבעדיקע זאַך, אַ טייערע נשמה, אַ פונק פון דער הייך!

דער קאַץ קומען טרערן אין די אויגן:

— און דאָס גאַנצע אומגליק איז, וואָס דער זינדיקער גוף איז אַזוי שיין, דער עולם הזה[7] דעריבער — אַזוי לוסטיק, דער יצר־הרע[8] אַזוי שטאַרק...

ווי קען אַזאַ קליין זיס פייגעלע זיך אַנטקעגנשטעלן דעם שרעקלעכן גרויסן יצר־הרע?

און וואָס מער עס לעבט, מער זינדיקט עס, גרעסער ווערט זיין די שטראָף...

האַ!

און אַ הייליק פייער האָט זיך אָנגעצונדן אין דער קאַץ, דאָס פייער פון

---

1) מעכייעדיק. 2) אוילעם־האַבע — יענע וועלט, אויפן הימל. 3) כאַיע־ראָע — אַ בייזע באַשעפעניש. 4) שולכן־אָרעך — אַ זאַמלונג פון רעליגיעזע געזעצן, לויט וועלכע יידן האָבן זיך געהאַלטן לאַנגע דורות. דאָס בוך איז אָנגעשריבן געוואָרן דורך יוסף קאַראָ (1488—1575). 5) דערעך־ערעץ. 6) זימרי־בען־סאָלודיק — אויסגעלאַסן, פאַרשייט. זימרי בן סלו — אַ געשטאַלט פון תנ"ך. עס דערציילט זיך וועגן אים, אַז ער האָט עפנטלעך געזינדיקט און דערפאַר איז ער דערהרגעט געוואָרן צוזאַמען מיט זיין ווייב, די שטראָף איז אויסגעפירט געוואָרן אונטער דער אָנפירונג פון פנחס בן אלעזר בן אהרן הכוהן. 7) אוילעם־האַזע — די וועלט, אויף דער ערד, געמיינט אויך — אַ גוט לעבן. 8) יעיצער־האָרע — לויט די אַלטע יידישע גלויבונגען קעמפן אין מענטשנס נשמה צוויי כוחות: דער יצר־הרע, וואָס רעדט אָן צו שלעכטס, און דער יצר־טוב, וואָס פירט צו גוטע מעשים.

פּנחס בן אלעזר בן אַהרן הכּהן... און זי איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן טיש, ווו די שטייג מיטן זינג־פייגעלע איז געשטאַנען, און —

עס פליען שוין פעדערן אין צימער...

מע האָט די קאַץ געשלאָגן... די שלעג נעמט זי אָן פאַר ליב... זי האָט פרום אָפּגעקרעכצט, אָפּגעמיאַוטשעט אַ יאָמערלעכן על־חטא[1]...

מער וועט זי שוין נישט זינדיקן...

די קלוגע קאַץ פאַרשטייט, פאַרוואָס מע האָט זי געשלאָגן... מער וועט זי אויף קיין שלעג נישט פאַרדינען...

— מע האָט זי געשלאָגן — פאַרשטייט די קאַץ — דערפאַר, ווייל זי האָט פאַרפעדערט די שטוב, ווייל אויפן ווייסן געשטיקטן טישטעך זיינען געבליבן פלעקן פון בלוט...

אַזאַ פּסק[2] מוז מען מקיים זיין[3] גוט, שטיל און פרום, עס זאָל קיין פעדער נישט פליען, קיין טראָפּן בלוט נישט פאַלן...

און — אַז מע האָט דעם צווייטן זינג־פייגל געקויפט און אין שטוב געלאָזט, האָט זי אים שוין שטיל און פיין דערוואָרגן און מיט די פעדערן צוזאַמען איינגעשלונגען...

מע האָט די קאַץ געשמיסן...

אַצינד האָט ערשט די קאַץ פאַרשטאַנען, אַז נישט וועגן פעדערן גייט עס, נישט וועגן פלעקן פון בלוט אויפן טישטעך...

דער סוד איז, אַז מע טאָר נישט טייטן! אַז מע דאַרף ליב האָבן, מוחל[4] זיין, אַז נישט מיט ארבע מיתות בית דין[5] פאַרבעסערט מען די זינדיקע וועלט!

מע דאַרף מחזיר למוטב[6] זיין, מוסר[7] זאָגן, צום האַרצן רעדן!

אַ קאַנאַריק אַ בעל־תשובה[8] קען קומען צו אַזאַ מדרגה[9], צו וועלכער די פרימסטע קאַץ וועט נישט דערגרייכן!

---

1) אַל כעט — אַ געבעט פון אַ זינדיקן. 2) פּסאַק — אורטייל, שטראָף. 3) מע־קאַיעם זיין — אויספירן. 4) מויכל זיין. 5) אַרבע מיסעס בעסדן — פירערליי טויט־שטראָפן לויט די אַלטע יידישע געזעצן: פאַרשטיינען, פאַרברענען, הרגענען (מיט דער שווערד) און דערשטיקן. 6) מאַכזיר לעמוטעוו זיין — אַרויספירן צוריק אויף אַ גוטן וועג. 7) מוסער — שטראָף־רייד. 8) באַל־טשווע — אַזאַ וואָס האָט חרטה אויף זיינע זינד. 9) מאַדרייגע.

און די קאַץ דערפילט, ווי עס וואַקסט אין איר דאָס האַרץ פאַר פרייד!
אויס אַלטע, שלעכטע און האַרטע צייטן! אויס בלוט פאַרגיסן!
רחמנות, רחמנות, און נאָכאַמאָל רחמנות...

און מיט רחמנות איז זי צוגעגאַנגען צום דריטן קאַנאַריק!

— שרעק דיך נישט — מאַכט זי מיט דער ווייכסטער שטימע, וואָס איז אַמאָל אַרויס פון אַ קאַצישן האַלדז, — זינדיק ביסטו, נאָר איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טאָן, ווייל איך האָב רחמנות אויף דיר!

איך וועל דיר אַפילו די שטייג נישט עפענען, איך וועל דיך אַפילו נישט אָנרירן!

דו שווייגסט? — זייער גוט! איידער פרעכע לידער צו זינגען, איז גלייכער שווייגן!

דו צאַפּלסט — נאָך בעסער! צאַפּל, צאַפּל, מיין קינד, נאָר נישט פאַר מיר, פאַרן בורא-עולם[1] צאַפּל, פאַר זיין ליבן נאָמען!

הלוואַי זאָלסטו שוין אַזוי בלייבן — שטיל, ריין און צאַפּלדיק...

איך וועל דיר העלפן צאַפּלען! פון מיין פרומער נשמה וועל איך הויכן אויף דיר שטילקייט, זיסקייט און פרומקייט... מיט מיין הויך זאָל אַריין אמונה אין דיין לייב, יראַת שמים[2] אין דיינעביינדעלעך, תשובה און חרטה אין דיין הערצעלע!

און די קאַץ פילט ערשט, ווי גוט עס איז מוחל צו זיין, ווי אַ פרייד עס איז יענעם אַריינצובלאָזן מיטן הויך פרומקייט און ערלעכקייט...

און עס וואַקסט דאָס פרימסטע האַרץ אין דער פרימסטער ווייסער קאַץ—
נאָר דער קאַנאַריק קען אין דער קאַצן לופט נישט אָטעמען —
עס האָט אים דערשטיקט!

---

1) בוירע-אוילעם — באַשעפער פון דער וועלט, גאָט. 2) ייראַס-שאָמאַיִם — גאָטספאָרכטיקייט.

די נאַכטוועכטער

(אַ נאָכגעמאַכט פרום־רבנישע[1] לידל)

אַ נאַכט—אַ מחיה![2] דאָס נעכטל איז טייער!
נאָר היט אייך פֿאַר פייער! היט אייך פֿאַר פייער!
נאָר נישט געקאָכט און געזאָטן!
פֿאַרשליסט נאָך די פענצטער און טירן און טויערן,
פֿאַרמאַכט נאָך די אויגן, פֿאַרשטאָפּט אייך די אויערן,
און שנאָרכט אייך, ווי גאָט האָט געבאָטן!

און קענט איר נישט שלאָפֿן, נו, ליגט כאָטש באַרוט,
און הערט זיך שטיל איין ווי אַ פֿלעדערמויז פֿליט.
ווי שטיל, און ווי האַרציק און טייער!
און הערט איר געראַוישן, געשרייען, געלעכטער,
צי קללות[3]—זייט רויק, מיר זענען די וועכטער
און היטן אייך אַלע פֿאַר פייער!

פֿאַרשאָלטן זאָל ווערן, ווער ס׳רירט זיך און גייט
און צינדט אָן אַ פייער, צי רירט די טראָמפּייט
צום בלאָזן, צום וועקן ביינאַכט!

1) ראַבאָניש. 2) אַ מעכאַיע. 3) קלאָלעס.

מען וועט אין גיהנם[1] די לייבער זיי דרעשן!
און דאָ וועל'מיר לעשן, און לעשן, און לעשן,
גטריי וועל'מיר דינען דער נאַכט!

שלאָפט אייך! מיר דאַוונען, מיר בעטן און קניען
פאַר גאָט! דער רבונו-של-עולם[2] זאָל ציען
אַ וואָלקן אויף אייך ווי אַ בליי!
אַ וואָלקן אַ שוואַרצן! אָ, גאָט וועט אונדז הערן,
ער וועט נאָך פאַרלעשן לבנה[3] און שטערן,
און דעמאָלט — ווי אָטעמט זיך פריי!

און מיר וועלן רופן נאָך פעסטער, געטרייער:
היט אייך פאַר פייער! היט אייך פאַר פייער!
שאַ! קיין גערויש, קיין געלעכטער!
קיין ליכטל אין מוח[4], קיין פלעמל אין האַרץ!
פרום זאָל זיין! רויק, און טויטלעך, און שוואַרץ! —
מיר זענען, מיר זענען די וועכטער!

---

1) גענעם. 2) ריבוינע=שעל=אוילעם. 3) אַ לעוואָנע. 4) מויעך.

מענדל בריינעס

מענדל ברײַנעס (קײן פֿאַמיליען־נאָמען איז נאָך דעמלט נישט געווען) איז געווען אַ יושב אוהל[1] דאָס הייסט: אַ שטיק שיינער ייד. קיין גרויסער למדן[2] נישט, נאָר – תּהילים[3] פֿאַרן דאַוונען, עין־יעקב[4] נאָכן דאַוונען, און בײַנאַכט – אַ פּרק משניות.[5] – ער פֿלעגט גאַנץ אָפּט אַהיים נעמען אַן אורח, יעדן פֿרימאָרגן אַרײַנוואַרפֿן אין מאיר־בעל־הנס[7] און דערצו פֿלעגט ער[6] גלאַט זײַן אַ מתעסק־במצווה:[8] אַ מגיד[9] איז געקומען, מע דאַרף אַרומגיין צוזאַמענעמען פֿאַר אָרעמעלײַט אויף מצות[10], אויף האָלץ און קאַרטאָפֿל; מע דאַרף ערובֿן,[11] עמעצן אַן אוהל[12] שטעלן וכדומה[13] – טוט רבֿ[14] מענדל ברײַנעס אָן די ברייטע טוונע, נעמט דעם גראָבן שטעקן מיט דער מעשענער גאַלקע און גייט מיטן

---

1) יושעוו אויהעל — זיצער אין שול. 2) לאַמדן — קענער, געלערנטער. 3) טילים — טייל פון תנ"ך, לויבגעזאַנגען פאַר גאָט. 4) אייען־יאַנקעוו — רעליגיעזער בוך, לעגענדעס און מוסר־דערציילונגען. 5) פּירעק, מישנייעס. קאַפּיטל פון משנה (מישנע). די זאַמלונג פון געזעצן פון דער תורה און די אויסטײַטשונגען צו זיי — דער תלמוד (טאַלמוד) — באַשטייט פון צוויי טיילן: משנה און גמרא. 6) אוירעך — גאַסט. 7) מייער באַל־האַנעס. אַרײַנוואַרפן אין מאיר בעל־הנס־פּושקע— געבן אַ נדבה. 8) מיטאַסעק בעמיצווע — אַ מיצווה־טוער. 9) מאַגיד — אַמאָל פלעגן אַרומפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך מאַגידים — רעדנער, וואָס פלעגן האַלטן רעליגיעזע דרשות. 10) מאַצעס. 11) אײרעוו — אַן אַרומצוימונג אַרום דער שטאָט, וואָס יידן פלעגן מאַכן, כדי צו קאָנען טראָגן אום שבת. 12) אויהעל — אַ געצעלט. דאָ מיינט מען: אַ דענקמאָל אויפן בית־עולם. 13) אוכעדוימע — און דאָסגלייכן. 14) רעב. 15) טוונע — אַזאַ קאַפּאָטע.

רבי[1], מיטן דאָזשאָרצע[2] אָדער אַזוי מיט אַ שיינעם באַלעבאָס. ער האָלט פאַר אַ מצווה אַליין צו טראָגן די פושקע, כאָטש הינטן גייט נאָך דער שמש[3].

ווינטער האָט ער קיין מינוט צייט נישט געהאַט: תהילים זאָגן, דאַוונען, עין יעקב לערנען, אָנבייסן, אַ נדבה[4] מאַכן, מנחה־מעריב,[5] אַ פרק משניות און וועטשערע — און קריאת־שמע[6] לייענען, שלאָפן, חצות[7], ווייטער שלאָפן...

עס איז אים פון טאָג קיינמאָל קיין רעשט נישט געבליבן. פאַר דאָס זומער־צייט פלעגט אים בלייבן אַ נאָך־וואַרמעס, אַ גרויסער נאָך־וואַרמעס, ער פלעגט אים אויך פאַרברענגען אין בית־מדרש[8], נאָר ריידן שוין פון וועלט־זאַכן, פון נייע המצאות[9], פון פאָליטיק...

מענדל בריינעס איז נישט קלוג געווען. אין חדר פלעגט מען אים רופן מענדל שוטה.[10] אַז ער האָט חתונה[11] געהאַט, איז די אָפּיניע[12] ווייכער געוואָרן און ער פלעגט שוין הייסן: „מענדל תם“.[13] ערשט דערנאָך, אַז ער איז אַראָפּ פון קעסט, געוואָרן אַ באַלעבאָס פאַר זיך, און בריינע, זיין ווייב, האָט זיך געמאַכט אַ שפייז־געוועלב און געלייזט „שטיקער גאָלד“, — האָט מען אים געקרוינט אויף „מענדל בריינעס“, און ווייל מענדל בריינעס איז קיינעם אין וועג אַריין נישט געגאַנגען, קיינעם אַ שלעכט וואָרט נישט געזאָגט, און בית־מדרש און קהל[14] האָט געהאַט פון אים, האָט קיינער נישט דערמאָנט וואָס אַמאָל איז געווען, האָט קיינער הויך נישט געלאַכט, אַז ער פלעגט צווישן אַלע פינף ווערטער זאָגן: אָבער וואָר, איך בין קיין נאַר נישט? אַ־יאָ איך בין קלוג?

— אמת,[15] איך בין קיין נאַר נישט — זאָגט אַמאָל רב מענדעלע, — און פונדעסטוועגן פאַרשטיי איך נישט, וויאַזוי מע אַרבעט אויס אַזאַ דין און געלעכערט שטרוי אין די שעניקעס אַריין! איך האָב אומישנע אַרויסגעשלעפּט אוודאי[16] פּערציק שטרוי איינעם נאָכן אַנדערן, אַלע זיינען הויל. איך האָב געוואָלט פרעגן מיין בריינען, זי איז שוין אָבער געווען אין געוועלב.

און איידער עמעץ האָט צייט געהאַט צו לאַכן, האָט ער זיך שוין אַליין געענטפערט:

— דאָס שטרוי מוזן אַוודאי די פויערים ברענגען פון ענגלאַנד!

---

1) ראַוו. 2) דאָזשאָרצע — אַ מיטגליד פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג. 3) שאַמעס — באַדינער אין שול. 4) נעדאַוועע. 5) מינכע־מייִרעוו — דאָס פאַרנאַכטיקע און אָוונטיקע דאַווענען. 6) קרישמע — אַ תפילה פאַרן שלאָפן גיין. 7) כצאָס — האַלבע נאַכט. פרומע יידן פלעגן דעמלט אויפשטיין און זאָגן תהילים אָדער לערנען. 8) בעס־מעדרעש. 9) האַמצאָעס — איינפאַלן, דערפינדונגען. 10) שויטע — נאַר. 11) כאַ־סענע. 12) אָפּיניע — מיינונג, אָפּשאַצונג. 13) טאַם — צוגעשלאָגענער, טעמפּער. 14) קאָהעל — דאָ געמיינט: די אָנגעזעענסטע באַלעבאַטים פון שטאָט. 15) עמעס. 16) אַוואַדע.

פון ענגלאַנד האָט מענדל ברײנעס אַ סך געהערט און געהאַלטן טאַקע עולם ומלואה.[1]

עס איז געװעזן נאָך דער סעװאַסטאָפּאָלער קריג;[2] דער גאַנצער בית־מדרש האָט נאָך געקלונגען מיט ענגלישע המצאות, די מעשיות[3] האָבן דער־צײלט אױסגעדינטע זעלנער, װאָס האָבן עס אַלײן געזען מיט אײגענע אױגן.

און װאָס מענדל האָט עפּעס געזען, און זײן שכל[4] האָט נישט געקענט משיג[5] זײן, איז אַלץ געװען פון ענגלאַנד. אַז דער זײגער קומט פון ענגלאַנד, פון דעם איז נישט געװען װאָס צו קלערן. נאָר די ערשטע ספּרענזשינע האָט אױך געמוזט מאַכן אַן ענגלישער שמיד! און ער האָט גערעדט מיט גרױס התלהבות[6] פון ענגלאַנד, פון אירע חכמים,[7] פון אירע קאָװאַלעס:

— זײ מוזן דאָרט זײן שײנע חכמים!

מענדל ברײנעס װאָלט געװאָלט לעבן אין ענגלאַנד, נאָר שטאַרבן איבער הונדערט און צװאָנציק יאָר, אין ארץ־ישראל.[8] ערשטנס, פאַר פרומקײט; צװײטנס, גלאַט האָט ער בטבע[9] זײער ליב געהאַט מנוחה,[10] און װען ער פלעגט זיך דערמאָנען אין גלגול מחילות,[11] האָט ער אױף דרײ טעג פאַרלאָרן דעם אַפּעטיט. און װײל ער האָט פאָרט נישט אױפגעהערט צו עסן, האָט ער גע־האַט זעקס טעג בױכװײטיק! מחיה[12] האָט ער זיך געװען, אַז ער איז געװאָר געװאָרן פון אַ זיכערן מענטש, אַז ארץ־ישראל איז װײטער װי ענגלאַנד.

— גוט, — טראַכט ער. און קלערט שױן פון דעמלט אָן אױפן רעכטן אמת צו פאָרן קײן ארץ־ישראל, װאָרעם „דער װעג מוז דאָך גײן דורך ענגלאַנד!"

ער װאָלט שױן לאַנג פאַרקױפט דאָס געװעלב מיטן כלי־בית[13] און געפאָרן, װען נישט ברײנע.

ברײנע האָט גאַנץ ערלעך געהאַלטן איר מענדלען. זי האָט זיך געװונטשן צו זײן זײן פוסבענקעלע אין גן־עדן:[14] זי האָט אים געקעכלט און געשטאָפּט, געאַרבעט װי אַן אײזל מפרנס[15] צו זײן, צו שוכן און צו קלײדן מענדלען מיט

1) אוילעם=אומלויע — זייער שטאַרק געהאַלטן. 2) רוסיש=טערקישער קריג פון 1854—1856. 3) מייסעס. 4) סייכל. 5) מאַסיג זיין — באַגרייפן, פאַרשטיין. 6) היסלאַוועס — באַגייסטערונג. 7) כאַכאָמים. 8) ערעץ=ייסראָעל. 9) בעטעווע. 10) מענוכע — רו. 11) גילגל מעכילעס — פרומע יידן האָבן געגלייבט, אַז ווען משיח וועט קומען, וועלן די יידן אַלע צוריקגעבראַכט ווערן קיין ערעץ=ישראל, אַפילו די טויטע — זיי וועלן זיך קייקלען אַהינצו אונטער דער ערד און דאָרט וועלן זיי לעבעדיק ווערן. 12) מעכייע. 13) קלײ=באַיס — שטוב=זאַכן. 14) גאַניידן. 15) מעפאַרנעס זיין — שפייזן.

די פיר קינדער: דריי מיידלעך און איין ייִנגל. איר גאַנצער עולם־הזה[1] איז געווען, אַז זי האָט געזען פון געוועלב אַרויס איר מענדלען גיין מיט דער צדקה־פושקע אין דער לינקער און מיט דער מעשענער סקיפקע אין דער רעכטער האַנט! זי האָט פאַרקויפט בחצי־חינם[2] איר שטאָט[3] אין עזרת־נשים,[4] ווייל די פענצטער גייען אין שול אַריין, און באַצאָלט „ממון־קורח"[5] פאַר אַ שטאָט לעבן בית־המדרש־פענצטער, זי זאָל זען, ווי מענדעלע איז עולה לתורה[6] און מאַכט די זיסע ברכה.[7] עס האָט איר געקוואָלן דאָס האַרץ, ווען מענדעלע האָט אַרויסגעזאָגט דעם חזן[8] „האישה ברײנע בת מורנו"[9]... און מנדר[10] געווען פאַר איר געזונט ח"י פעמים ח"י;[11] זי איז געווען גליקלעך, אַז זי פלעגט שבת און יום־טוב גיין מיט אים דאַוונען צוזאַמען; און אַז זיי האָבן זיך צעשיידט ביי די צווייערליי טרעפּ, פלעגט זי בלייבן שטיין אויפן ערשטן שטאַפּל און איבער־דרייען זיך און זען, ווי איר מענדעלע הייבט די פיסלעך אויף די מענערישע טרעפּ. נאָכן דאַוונען האָט זי אים אָפּגעוואַרט ביי דער שוועל. פונדעסטוועגן האָט זי געוווּסט, אַז מענדעלע איז נישט קלוג אין די „וועלט־נאַרישקייטן", אַז ער איז נאָר אַ חכם[12] אין די קליינע אותיות,[13] אַ מוח[14] אין בית־מדרש, אָבער אַזוי, אין עולם־הזה־זאַכן, גאָר לא[15].. דאָס איז שוין איר זאַך!

— ניין — מענדעלע, — זאָגט זי אים געלאַסן, — מע פאָרט נישט אַזוי, מע פאַרקויפט נישט קיין מחיה![16] אפשר שפּעטער, אַז מיר וועלן חתונה מאַכן אַלע קינדער, אָפּגעבן קעסט, דערלעבן כאָטש אַן אייניקל, און אפשר אַן אור־אייניקל, דעמלט, זעסטו, מהיכא־תיתי,[17] איבערגעבן די קינדער די מחיה...

און מענדל האָט געוווּסט, אַז ברײנע איז אין וועלט־זאַכן „אַ ווילדע חכמה",[18] און האָט געוואַרט! וואָרעם נאָך ירושלים[19] און ענגלאַנד איז אים ברײנע געווען פאַרבאַקן אין האַרצן.

ער האָט דערווייל נישט אַלע קינדער חתונה געמאַכט, און ער קומט איינמאָל אַהיים זייער טרויעריק:

---

1) אוילעם־האַזע — דאָס לעבן דאָ אויף דער וועלט. 2) בעכאַצע־כינעם — האַלב אומזיסט. 3) שטאָט — דאָ געמיינט אַ שטענדיק אָרט. 4) עזרעס נאַשים — באַזונדערע אָפּטיילונג פאַר פרויען אין שול. 5) מאָמען־קוירעך — אַ סך געלט. 6) אוילע לע־טוירע — דאָס אויפרופן צו לייענען פון דער תורה. דאָס האָט זיך גערעכנט גאָר פאַר אַ גרויסן כּבוד. 7) בראָכע — אַ קורצע תפילה, בענטשונג. 8) כאַזן. 9) האָאישאָ ברײנע באַס מוירײנו — טיטולירונג. 10) מענאַדער זיין — זיך באַשטייערן. 11) כיי פעאָמים — אַכצן מאָל אַכצן. די צאָל אַכצן האָבן פרומע יידן געהאַלטן פאַר אַ מזלדיקער, ווייל „חי" באַטייט „לעבן". 12) כאָכעם. 13) אויסיעס. 14) מויעך. 15) לוי — ניין, נישט. 16) מיכיע — אַ געשעפט, אַ קוואַל פון פרנסה. 17) מאַכ־ייסע. 18) כאַכאָמע. 19) יערושאָלאַים.

— זעסטו, ברײַנע, — מאַכט ער, — אַ פּאָוויעסטקע צום בית דין של מעלה[1]! — ער ווײַזט איר אַ גרויע האָר אין דער באָרד.

ברײַנע טרײסט אים:

— רײד נישט קײן נאַרישקײטן, מענדעלע, דו ביסט נישט קלאָר אין אַזעלכע זאַכן... מײַן טאַטע, עליו השלום,[2] איז גרוי געוואָרן צו 50 יאָר, און דיר צו לענגערע יאָר...

— א ו נ ד ז צו לענגערע יאָר, — פאַרבעסערט מענדל.

— און אונדז צו לענגערע יאָר האָט ער נאָך געלעבט אַוודאי אַ יאָר דרײַסיק!

— הײַנט אָבער שוואַכע דורות,[3] נישט די פּאַרצײַטיקע כּוחות![4] — זאָגט מענדל און לאָזט אַראָפּ די אויגן.

ברײַנע האָט אים אויסגערעדט דאָס עגמת-נפש[5] און אים אָנגעהויבן בעסער צו קעכלען: נעמט בײַם קצב[6] נאָך אַ האַלבן פונט פלײש צום וואָרמעס...

— אײַ, ברײַנטשע, — זאָגט דער קצב, — איר האָט אַוואַדע מחותּנים[7] צום טיש, זאָל אײַך זײַן צו מזל![8]

— נײן, — ענטפערט ברײַנע, — הײַנטיקע שוואַכע דורות...

און בײַם עסן לײגט זי אַלעמאָל צו מענדלען נאָך אַ שטיקל, נאָך אַ פּיצל... „עס דאָס, דאָס איז אַ מחיה“,[9] און האָט, קוקנדיק אויף מענדלען, אין זינען געהאַט: זאָל אים זײַן צו געזונט... הײַנטיקע שוואַכע דורות!...

זי האָט קלאָמפּערשט „געכאַפּט אַ זעמל אין געוועלב, געוואָשן זיך בײַ דער שכנה“;[10] אַמאָל — האָט אירע אַ קרובה[11] געקאָכט אַ נײַע מאָדע קילישע און איר געבראַכט אַ פּאָר לעפל צו פּאַרזוכן, — אַבי זי איז נישט הונגעריק געווען בײַם עסן און נאָר געבעטן זיך:

— עס, מענדעלע, עס, וואָס גלײַכסטו זיך צו מיר? תּורה תּתּיש כּח![12]

— מתּיש כּח, מײַנסטו, ברײַנע.

— זאָל זײַן מתּיש כּח... אָדער ווי אין פּרק שטײט... אם אין תּורה אין קמח,[13] אַז מען לערנט, מוז מען עסן!

מענדל שמײכלט אפן נײַעם גרײַז.

---

1) בעזדן=שעל=מײלע — אײבערשטער געריכט. 2) אָלעוו=האַשאָלעם — פריד צו אים: אַזוי פלעגט מען זאָגן בײַם דערמאָנען אַ געשטאָרבענעם. 3) דוירעס. 4) קויכעס. 5) אַגמעס=נעפעש — זאָרג, צרה. 6) קאַצעוו.7) מעכוטאָנים. 8) מאַזל. 9) מעכײע. 10) שכײנע. 11) קרויווע. 12) טוירע טאַטיש קויעך — פאַרגרײזט, אַנשטאָט טוירע מאַטיש קויעך: — דאָס טוירע=לערנען שוואַכט אָפּ, ציט אַרויס דעם כּוח. 13) אים אײן טוירע, אײן קעמאַך — אַז ס'איז נישטאָ קײן תּורה, איז נישטאָ קײן ברויט.

— אָבער איך, וואָס טו איך? איך גיי אַ גאַנצן טאָג לײדיק, אָדער זיץ איבערן פײערטאָפּ, קומט אַרײַן אַ קונה,[1] מעסט איך אים אָפּ אַ קוואָרט באָבעלעך, צי קאַשע, צו מעל. נישט — נישט! דעריבער דאַרף איך ווײניקער עסן.

מענדל גלײבט אין דער געכאַפּטער זעמל, אין דער קילישע. ער דאַרף טאַקע — גלײבט ער — מער עסן, אַ קאַטאָוועס — יעדן טאָג צוויי יום תּהי־לים,[2] אַ פּרק משניות, עטלעכע בלאַט עין־יעקב, הײנט זשע — דאַוונען, פּושקע טראָגן, שטעקן שלעפּן, ער ווײסט?...

און ער איז שטאַרק צופרידן, וואָס זײַן כּשרע[3] ברײנע האָט אַזאַ רויק לעבן, וואָס זי זיצט לײדיק אין געוועלבל איבערן פײערטאָפּ, פאַרלײגט די הענט און וואַרט אויפן קונה, קומט ער — קומט ער, נישט — נישט! זײער גלײך! זאָל זי כאָטש נישט אַרבעטן אַזויפיל וויפל ער, זאָל זי זיך כאָטש אויסרוען די בײנער. און מענדעלע שטאָפּט אין זיך אַרײַן וואָס אַמאָל מער, אַבי ער זאָל האָבן כּוח מאַריך ימים צו זײַן,[4] ער זאָל דערלעבן צו זען ענגלאַנד און צו שטאַרבן דערנאָך אין ירושלים.

אַחוץ פון ברײנען האָט נאָך מענדעלע נחת[5] פון קינדער: אַן עלטערן זון האָט ער חתונה געמאַכט אין דער פרעמד. ער עסט שוין קעסט[6] בײַם שווער! געלויבט איז גאָט, זײַט ער האָט חתונה געהאַט, איז נאָך פון אים קײן בריוו נישט געווען, אַ סימן, עס גײט אים גוט, ווער עס קומט צו פאָרן, ברענגט אַ גרוס... נאָך אים גײט אַ חתן־בחור[7] — אַ חדר־ײנגל. ברײנע באַ־שטעלט מלמדים[8], צאָלט שכר־לימוד,[9] זעט — ער זאָל לערנען מיט זײַנס גלײַכן. ער פאַר דאָס פאַרהערט אים אַלע שבת... נאָר פאָרן עסן האָט מענדעלע פײַנט צו פאַרהערן.[10] נאָכן עסן איז בעסער, מער רחבות.[11] דעריבער דרימלט ער טאַקע באַלד אײַן, און כאַפּט זיך ערשט אויף בײַם מלמדס לחיים,[12] גיט דעם זון אַ קניפּ אין בעקל און שוין!

ער האָט נאָך דרײַ טעכטער, יונגע קינדער, צײכן־מײדלעך, גאָר ווילע קינדער אַלע. דרך־ארצדיקע[13] קינדער, שטילע קינדער. שטענדיק רײנע, אָפּ־געוואַשענע, אַ מחיה!... ער זעט אַפילו נישט, ווען מע וואַשט זײ,

1) קוינע. 2) קאַפּיטלען תהילים באַשטימט פאַר יעדן טאָג. 3) קאָשערע — דאָ געמײנט: ערלעכע, פרומע. 4) מאַריך יאָמים זײַן — לאַנג לעבן. 5) נאַכעס. 6) עסן קעסט — זײַן אויף פולער אויסהאַלטונג. 7) כאָסן־באָכער — אַן עלטער ײנגל. 8) מעלאַמדים. 9) סכאַר־לימוד — דער אָפּצאָל די מלמדים פאַרן לערנען 10) פאַר־הערן — אויספרעגן. 11) ראַכוועס — ברײטקײט, געמיטלעכקײט. 12) לעכאַים. 13) דערעך־ערעצדיקע — גוט־דערצויגענע, העפלעכע.

ווען מע קעמט זיי, ווען ברײנע לאַטעט און פאַרריכט! ער קאָן כמעט נישט פאַרשטיין, וויאַזוי דאָס ווערט קלוג און פיין געבוירן!...

— טאַקע מײנע קינדער! — טראַכט ער זיך מיט גאווה[1], — אין מיר אַריין געראָטן! — ער דאַנקט און לויבט זיין ליבן נאָמען דערפאַר, וואָס ברײנע האָט אַזאַ רויק לעבן, נישט ווי אַנדערע מאַמעס; וואָס די קינדער דרייען איר נישט אָפּ דעם קאָפּ! און ווי די קינדער פאָלגן! ער הייסט זיך, למשל[2] ברענגען אַ טרונק וואַסער. ברײנע האָט אַ טבע אַלץ, וואָס ער זאָגט, איבערצוזאָגן, און קוים חזרט[3] זי איבער: „ברענגט דעם טאַטן וואַסער", — לויפט דאָס קינד שוין און ברענגט. אַ מחיה אַזוינע קינדער! ער קומט אין שטוב אַריין, און ברײנע זאָגט נאָר: „דער טאַטע גייט" — איז שוין שטיל!

געלויבט איז גאָט, מע רעדט שוין דעם צווייטן זון אַ שידוך,[4] און אַ גוטן שידוך. ברײנע וויל טאַקע פאָרן אָנקוקן די כלה[5]. חגאות[6]־צייט וועט זי עס טאָן, אַזוי האָט זי אים געזאָגט. און ווייל ער איז געוואָר געוואָרן, אַז צום מחותן[7] פאָרט מען נישט דורך ענגלאַנד, איז ער איר מוחל[8] דעם כבוד,[9] זאָל זי זיך אַביסל איבערפאָרן. פאַרוואָס נישט? זי פאָרט אינגאַנצן פיר מאָל אין יאָר נאָך סחורה[10], אויך קומט זי צוריק מיד און מאַט פון לויפן, באַקוקן, דינגען... זאָל זי איינמאָל כאַטש פאָרן און קומען מיט נחת, זאָל די וועלט זען, וואָס פאַר אַ ווייב ער האָט! ער אַליין וועט זיך ווייזן אויף די תּנאים![11] אַפילו ביי דער חופּה[12] איז אויך גענוג! דעם ערשטן זונס כלה האָט זי אויך אָנגעקוקט, זי איז שוין מזלדיק צו אַזעלכע זאַכן... ער וועט זיך נאָך גענוג אָנפאָרן...

עס זיינען ווייטער אַוועקגעגאַנגען אַ פּאָר יאָר. אַז גאָט בענטשט, בענטשט ער מיט אַלעם, אַפילו מיט מנוחה — דער צווייטער זון האָט אויך חתונה געהאַט, און גוט חתונה געהאַט, ער עסט שוין אויך קעסט.

מענדעלע האָט אַפילע גאַנץ ווייניק געוווּסט וועגן וואָס, עס איז אים איבערגעגאַנגען כמעט ווי אין אַ חלום[13]. ער האָט אַפילו קיין איינציקן טאָג קיין יום תהילים נישט פאַרפעלט... עס האָט אים דער קאָפּ נישט וויי געטאָן, אויסער אינדערפרי, נאָך דער גרויסער נאַכט, פון ווייניקער שלאָפן!

און מענדעלע פרייט זיך — נאָך אינגאַנצן דריי מיידלעך חתונה צו מאַכן (ביי ברײנען גייט עס געשווינד), און דערנאָך: שוין! איבערגעבן די מחיה,

---

1) גייווע — שטאָלץ, באַרימערישקייט. 2) לעמאָשל. 3) כאַזערט. 4) שידער.
5) קאַלע. 6) כאָגעס — קריסטלעכע יום־טובים. 7) מעכוטן. 8) מויכל. 9) קאָווער.
10) סכוירע. 11) טנאָים. 12) כופע. 13) כאָלעם.

דינגען אַ ברייטן וואָגן, מע זאָל זיך קאָנען אויסציִען, אָנפּאַקן מיט ענגליש שטרוי — און וויאָ!

נאָר עפּעס פילט ער, אַז די פיס זיינען אים נישט בקו הבריאה[1], אַז פון אַ קורצער צייט איז אים דער אָטעם שווער, נאָר ברײַנע לאָזט אים נישט צו קיין עגמת-נפש, זי טרייסט אים און קעכלט אים אַלעמאָל מער, זי איז אים מבטיח[2], אַז ער וועט נאָך אַלץ דערלעבן!

. . . .

איינמאָל זיצט ער אין בית-מדרש ביים עין-יעקב און דערהערט אַ געשריי, עס דאַכט זיך אים—זיין טאָכטער. ניין, ווי קומט זי אויפן שול-הויף? און אַ כלה-מיידל ווײנט נישט... עפּעס לויפט מען אויף די טרעפּ, מע שרייט: „טאַטע! טאַטע!" פאָרט איר קול[3], עס איז אָבער דאָך נישט מעגלעך!

ער וויל איבערקלערן, נעמט אַרויס אַ שמעק טאַבאַק, נאָר איידער ער האָט אים אַריינגעלייגט אין די נאָזלעכער, האָט אים שוין די טאָכטער געריסן ביי די לאַצן:

— טאַטע! די מאַמע איז אַוועקגעפאַלן, געוואַלד!

און איידער ר' מענדעלע איז צו זיך געקומען און אַהיים געלאָפן, איז שוין ברײַנע געלעגן טויט!

אין איין טאָג איז מענדעלע באמת[4] גרייז-גרוי געוואָרן. דער אָטעם טאַקע שווער און די פיס טאַקע געשוואָלן... ער האָט זיך נישט געריכט אַז ברײַנע זאָל אים נישט איבערלעבן... ביי אַזאַ מאַן, ביי אַזוינע קינדער, ביי אַזאַ ווילטאָג!..

און ברײַנע, אַזוי ווי מע האָט זי נישט אַרויסגעזען ביים לעבן, האָט מען זי קוים אָנגעזען אויף דעד מטה[5]... אַזאַ דאַרעניש!...

1) נישט-בעקאַוו=האַבריע — נישט געזונט. 2) מאַוויטיער — זאָגט צו. 3) קאָל. 4) בעעמעס. 5) מיטע — דער קאַסטן אין וועלכן מען פלעגט טראָגן די טויטע אויפן בית=עולם.

אַ כעס[1] פון אַ יידענע

דאָס קליינע שטיבל איז פאַרחושכט,[2] ווי אין אים דער דלות,[3] אויף וועלכן עס וויינען אַלע פיר ווענט... אינעם אָפּגעריסענעם סופיט שטעקט אַ האָקן – אַ יתום[4] נאָך אַ געוועזענעם הענגלייכטער. דער גרויסער, אָפּגעשיילטער אויוון איז „אַרומגעגאַרטלט ביי די לענדן" מיט אַ גראָבן זאַק, שטייט איבער-געבויגן אין אַ זייט און קוקט אַריבער צו זיין פינצטערן שכן[5] – צום ליידיקן שוואַרצן קוימען, אויף וועלכן עס ליגט אַן איבערגעדרייטער טאָפּ מיט אַן אָנגעבראָכענעם ראַנד, און אין אַ זייט אַן „עליו-השלום",[6] אַ צעבראָכענער לעפל. דער בלעכענער גיבור[7] האָט געהאַט אַן ערלעכן טויט: ער איז געפאַלן אין דער מלחמה[8] מיט אויסגעדאַרטער, איינגעשפּאַרטער, נעכטיקער קאַשע!

דאָס שטיבל איז איבערגעפילט מיט כלים;[9] עס שטייט אַ הימל-בעט, פאַר-האַנגען מיט צעריסענע פאָרהענגלעך... דורך די לעכער קוקט אַרויס דאָס בעטגעוואַנט, אָן ציכלעך, מיט רויטע פאַרפּעדערטע אויגן. עס שטייט א וויגל, פון וועלכן עס שיינט אַרויס אַ גרויס געלבלעך קעפּל פון אַ שלאָפנדיקן קינד... עס שטייט אַ קאַסטן, באַשלאָגן מיט בלעך, מיט אַן אָפענעם הענג-שלאָס, – עס מוז שוין דאָרט קיין גרויס עשירות[10] נישט זיין –, עס שטייט נאָך אַ טיש מיט דריי בענקלעך; דאָס הילצערנע מעבל איז אַמאָל רויט געפאַרבט געוועזן, היינט איז עס טונקל ברודיק.. רעכנט נאָך צו: אַ שאַף, אַ פאָמיעס-שאַף, אַ פאַס

---

1) קאַס. 2) פאַרכווישעכט. 3) דאַלעס. 4) יאָסעם. 5) שאָכן. 6) אָלעוו=האַשאָלעם— „פרידן צו אים" זאָגט מען ביים דערמאָנען אַ געשטאָרבענעם. 7) גיבער. 8) מילכאָמע. 9) קיילים. 10) אַשירעס — רייכטום.

וואַסער, אַ קאָטשובע מיט אַ לאָפּעטע, וועט איר פאַרשטיין, אַז מע קען שוין, אין שטיבל פון ד׳ על ד׳,[1] קיין שפּילקע נישט אַריינוואַרפן...

און דאָך זיינען דאָ: אַן ע ר און אַ ז י.

זי — אַ יידענע אין די מיטעלע יאָרן — זיצט אויפן קאַסטן, וואָס פּילט אויס דאָס אָרט צווישן הימל-בעט און דער וויג.

זי האָט רעכטס דאָס איינציקע קליינע, פאַרגרינטע פענצטער; לינקס — דעם טיש. זי אַרבעט אַ זאָק, שאָקלט צי דאָס וויגל מיטן פוס און הערט זיך איין, ווי ע ר לערנט ביים טיש. און ער לערנט מיט אַ זינגענדיק-וואָלעכיש-וויינענדיק קול. ער לערנט און באַוועגט זיך אומרויק, אָפּגעריסן און נערוועז. טייל ווערטער שלינגט ער, טייל ציט ער, טייל כאַפּט ער, טייל היפּערט ער איבער; טייל אַקצענטירט ער און דריקט אויס מיט ליבשאַפט, טייל שיט ער גלייכגילטיק אַרויס ווי אַרבעס פון אַ זאַק; דערביי רוט ער נישט אַ רגע,[2] דאָ כאַפּט ער אַרויס פון קעשענע אַן אַמאָל רויט און גאַנץ-געוועזענע פאַטשיילע, ווישט זיך די נאָז, דעם שוויס פון פנים[3] און שטערן; באַלד לאָזט ער זי אַראָפּ אויפן שויס און כאַפּט זיך קרייזלען די פאות,[4] צופּן דאָס שפּיציקע, ערטערווייז קוים גרוילעכע, בערדל... אָט באַהאַלט ער אַן אויסגעצופּטע האָר אין ספר[5] אַריין און הייבט זיך אָן פּאַטשן אויף דער קני, די הענט דערפילן דערווייל די פאַטשיילע, כאַפּן זי און וואַרפן אַ שפּיץ אין מויל אַריין; ער בייסט, וואַרפט איבער איין פוס אויפן צווייטן און טוישט אַלע מינוט די פיס.

פאַר דער גאַנצער צייט קנייטשט זיך אים זיין בלאַסער שטערן אין דער לענג און אין דער ברייט, עס קנייטשט זיך אויס אַ קאָמעץ איבער דער נאָז די לאַנגע ברעמען ווערן, אונטער דער איבערגעלייגטער הויט פון שטערן, כמעט[6] פאַרלוירן. דערווייל גיט אים — דאַכט זיך — עפּעס אַ שטאָך אין דער ברוסט, כאַפּט ער און דערלאַנגט זיך מיט דער רעכטער האַנט אויף דער לינקער זייט אַן „על חטא"[7]... ראַפּטעם פאַרלייגט ער דעם קאָפּ לינקס, דריקט צו מיט אַ פינגער די לינקע זייט נאָז, מאַכט מיט דער רעכטער זייט אַ קינסטלעכע פאָנטאַנע, וואַרפט איבער דעם קאָפּ רעכטס, די פאָנטאַנע שפּריצט פון דער לינקער זייט נאָז!... אינמיטן כאַפּט ער אַ שמעק-טאַבאַק, צעהוידעט זיך בעסער, דאָס קול[8] קלינגט, דאָס בענקל קנאַקט, עס רודערט דער טיש!

---

1) דאַלעד אַל דאַלעד — פיר איילן אויף פיר איילן — זייער אַ קליינע איי-בערפלאַך. 2) רעגע. 3) פּאָנעם. 4) פּייעס. 5) סייפער. 6) קימאַט. 7) „אַל כעט" — באַטייט ווערטלעך „אויף די זינד". אַמאָליקער מנהג ביי פרומע יידן צו קלאַפּן זיך מיט דער פויסט אין ברוסט ביים זאָגן געוויסע תּפילות. 8) קאָל.

דאָס קינד וועקט זיך נישט, עס איז געוווינט צו דער מוזיק.

און זי, דאָס יונגערהייט איינגעשרומפּענע ווייב, זיצט זון שעפּט נחת[1] פון מאַן. זי לאָזט פון אים קיין אויג נישט אַראָפּ, איר אויער פאַרלירט קיין איינציקן טאָן פון זיין מויל... אַמאָל זיפצט זי: ער זאָל אַזוי – טראַכט זי – טויגן צו דער וועלט ווי צו יענער, וואָלט איר דאָ אויך ווייל און ליכטיק געוועזן.. דאָ אויך...

-- „מאַ! – טרייסט זי זיך – ווער שמועסט פון אַ כבוד![2] נישט יעדער איז זוכה[3] צוביידע טישן”.

זי הערט זיך איין... איר איינגעשרומפּן פּנים ענדערט זיך, דאָס אויך וואָס אַמאָל, זי איז אויך נערוועז:

ערשט איז דערויף אויסגעגאָסן געוועזן אַ ווילדע הנאה;[4] אַזוי פיל נחת האָט זי פון זיין תורה[5] געשעפּט... דערמאָנט זי זיך, אַז היינט איז דאָך שוין דאָנערשטיק, אַז עס איז דאָך קיין דרייער אויף שבת[6] נישטאָ, און דאָס גן-עדן[7]-ליכט אויפן פּנים ווערט וואָס אַמאָל טונקעלער און טונקעלער, ביז דער שמייכל פאַרשווינדט פון גאַנצן פּנים... דערנאָך וואַרפט זי אַ בליק דורכן פאַר-גרינטן פענצטער, קוקט אויף דער זון – עס מוז שוין זיין שפּעט און עס איז נאָך אין שטוב קיין לעפל וואַרעם וואַסער נישטאָ, – און די שפּיזלעך בלייבן איר שטיין אין דער האַנט, אַ טונקעלער שאָטן האָט שוין דאָס פּנים פאַרדעקט. זי וואַרפט אַן אויג אויפן קינד: עס שלאָפט שוין אומרויק, עס וועט זיך באַלד אויפכאַפּן, עס איז פאַרן קראַנקן קינד קיין טראָפּן מילך נישטאָ – און פון שאָטן איז שוין אַ וואָלקן געוואָרן, די שפּיזלעך הייבן אָן אין דער האַנט צו ציטערן, צו וואַרפן זיך...

און אַז זי דערמאָנט זיך נאָך, אַז, אויסער דעם, גייט צו פּסח[8]... אַז די אויערינגלעך און די בענטש-לייכטער זיינען פאַרזעצט, דער קאַסטן – לער, דער הענגלייכטער – פאַרקויפט, – הייבן אָן די שפּיזלעך מערדעריש צו טאַנצן, דער וואָלקן אויפן פּנים ווערט טונקל-בלוי, אָנגעלאָדן... אין די קליינע גרויע אויגן, וואָס מע זעט קוים אַרויס פון אונטערן טיכל אויפן קאָפּ, באַווייזן זיך – בליצן!

ער זיצט נאָך אַלץ און לערנט: ער באַמערקט נישט, אַז עס מאַכט זיך אַ געוויטער, אַז עס ווערט אַלע מאָל געפערלעכער... אַז זי לאָזט אַרויס דעם זאַק מיט די שפּיזלעך פון דער האַנט און הייבט אָן קנאַקן די אויסגעדאַרטע

1) נאַכעס. 2) קאָוועד. 3) זוויכע—איז ווערט, דערגרייכט. 4) האַנאָע. 5) טוירע.
6) שאַבעס. 7) גאַניידן. 8) פּייסעך.

פינגער, אַז זי קנייטשט איין דעם שטערן פאַר ווייטיק, איין אויג ווערט צו־געמאַכט און דאָס צווייטע קוקט אויף אים מעסער־שפּיציק, אויפן מאַן, דעם למדן,[1] אַז עס וואָלט אים, ווען ער זאָל עס זען, קיל געוואָרן אין אַלע אברים.[2] דאָך ער זעט נישט, ווי אירע בלויע אויגן ציטערן, ווי די גאָמבע ציטערט, ווי עס קלאַפּט איר אַ צאָן אָן אַ צאָן... ווי זי האַלט זיך איין מיט אַלע כּוחות,[3] נישט אויסצובריכן... ווי דער דונער רייסט זיך און רייסט, און דאַרף נאָר אַ קלייניקייט, ער זאָל אַרויס פון מויל.

דאָס קלייניקייט האָט זיך געטראָפן:

ער לערנט און זאָגט: „שמע מיניה — — — תלת“[4]... און טייטשט זיך אויס בנעימות:[5] „איז דאָך פון דאַנען געדרונגען“... ער וויל זאָגן: „דריי“ — נאָר דאָס וואָרט „געדרונגען“ איז שוין גענוג געווען... אָן דעם וואָרט האָט זיך אָנגעכאַפּט דאָס פאַרביטערטע האַרץ, דאָס איז געווען דער פונק פון פולווער!

איר שטאַרקער ווילן פּלאַצט. דאָס אומגליקלעכע וואָרט האָט געעפנט אַלע פאַרהאַמערטע טויערן, אויפגעהאַקט אַלע ריגלען... אויסער זיך איז זי צוגעשפּרונגען צום מאַן מיט פיאַנע אין מויל, מיט נעגל אין פּנים אַריין.

— געדרונגען, זאָגסטו, געדרונגען? אוי! אַ דרינגעניש זאָל אויף דיר קומען, רבונו־של־עולם!?[6] — האָט זי אויסגעשריען מיט אַ הייזעריק קול פאַר כּעס — אַ דרינגעניש, רבונו־של־עולם! יאָ! יאָ! — האָט זי ווייטער מיט אַ שלאַנגען־קול געסיטשעט: פאַר פּסח... דאָנערשטיק... ס'קינד קראַנק... קיין טראָפּן מילך! האַ!

עס פאַרפעלט איר אָטעם, די איינגעפאַלענע ברוסט שלאָגט פאַליעס, פון די אויגן יאָגן בליצן.

ער בלייבט ווי פאַרשטיינערט. בלייך איז ער אויפגעשפּרונגען פון בענקל, אָן אָטעם פאַר שרעק, און האָט זיך הינטערוויילעכטס גערוקט צו דער טיר.

זיי שטייען איינס קעגן אַנדערן און קוקן זיך אָן: ער מיט גלעזערנע אויגן פאַר שרעק, זי — מיט ברענענדיקע פאַר כּעס... ער באַמערקט דאָך באַלד, אַז זי האָט פאַר כּעס קיין שליטה[7] נישט, נישט איבער דער צונג, נישט איבער די הענט. די אויגן ווערן אים אַלעמאָל קלענער; ער כאַפּט אַן עק פאַטשיילע אין מויל אַריין, רוקט זיך נאָך אַ ביסל אָפּ און מורמלט:

— הער, דו, אישה[8]... ווייסטו וואָס איז ביטול־תורה[9], נישט לאָזן דיין

---

1) לאַמדן— אַ געלערנטער. 2) איווערים—גלידער. 3) קויכעס. 4) שמאַ מיני— טלאָס. 5) בינימעס — געלאַסן, שטיל. 6) ריבונע־שעל־עולם — גאָטעניו. 7) שליטה — הערשונג. 8) אישה — פרוי, יידענע. 9) ביטל־טוירע.

מאַן לערנען, האַ? אַלץ פּרנסה[1], האַ?! און וועט גיט דעם פּייגעלע! און ווי איז גלייבן אין גאָט! אַלץ יצר-הרע[2], אַלץ נאָר ד י וועלט... נאַרישע אישה... מרשעת[3]! נישט לאָזן לערנען אַ מאַן... דערפאַר קומט גהינם[4]...

אַז זי ענטפערט נישט, ווערט ער שטאַרקער ביי זיך! איר פּנים ווערט בלייכער און בלייכער, זי ציטערט אַלעמאָל מער, און וואָס מער זי ציטערט און ווערט בלייכער — פעסטער און ראַשער ווערט זיין קול:

— גהינם! פייער! העגנען אויף דער צונג! אַרבע מיתות בית-דין[4]!

זי שווייגט, דאָס פּנים אירס איז שוין ווי אַ קרייד.

ער פילט, אַז ער טוט נישט גלייך, אַז ער דאַרף זי נישט אזוי קרענקען, אַז ער רעדט נישט ערלעך, נאָר איינהאַלטן קען ער זיך שוין נישט. אַלעס שלעכטע, וואָס ער האָט ביז אַהער אין זיך געהאַט, שיט זיך אים אַרויס, ער קען זיך נישט איינהאַלטן.

— ווייסט וואָס טייטש? — גייט זיין קול איבער ווי אין אַ בייזן דונער: סקילה[6] — דאָס הייסט: וואַרפן אין גרוב אַריין און פאַרשיטן מיט שטיינער! שרפה[7],—פירט ער ווייטער און ווונדערט זיך אַליין אויף זיין העזה[8] — שרפה, דאָס הייסט: אַריינגיסן אין די געדערעם אַ לעפל הייס-קאָכעדיק-זידנ-דיק בליי! הרג[9], דאָס הייסט: מע האַקט אָפּ דעם קאָפּ מיט אַ שווערד... אָט אַזוי! — און ער מאַכט אַ באַוועגונג מיט דער האַנט אַרום האַלדז. היינט—חנק[10]... ווערגן...הערסט — ווערגן! פאַרשטייסט — ביטול-תורה! אַלץ פאַר ביטול-תורה!

דאָס האַרץ טוט אים שוין ווי פאַר רחמנות[11] אויף זיין קרבן[12], נאָר עס איז אים דאָס ערשטע מאָל, ער זאָל אַזוי גובר[13] זיין... עס פאַרשיכּורט[14] אים! אַזאַ נאַרישע יידענע! ער האָט ביז אַהער גאָרנישט געוווּסט, אַז מע קען זי אַזוי איבערשרעקן.

— אָט דאָס איז ביטול-תורה! — שרייט ער ענדלעך אויס. ער האַקט דאָך אָפּ, זי קען דאָך צו זיך קומען און כאַפּן אַ בעזעם! ער שפּרינגט צוריק צו צום טיש, פאַרמאַכט די גמרא[15] און לויפט אַרויס...

— אין בית-מדרש אַריין גיי איך! — שרייט ער איר צו, שוין מיט אַ ווייכערער שטימע, און פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר.

---

1) פּאַרנאָסע. 2) יעיצער=האָרע — דער בייזער גייסט, וואָס רעדט אָן דעם מענטשן צו שלעכטס. 3) מאַרשאַס — שלעכטע. 4) געגעם. 5) אַרבע מיסעס בעזדן— די פיר טויט=שטראָפן לויטן יידישן געזעץ. 6) סקילע. 7) סריפע. 8) האָזע. 9) הע=רעג. 10) כענעק. 11)ראַכמאָנעס. 12) קאָרבן. 13) גויווער זיין — באַזיגן. 14) פאַר=שיקערט. 15) געמאָרע.

דאָס געשריי מיטן קלאַפּ פון דער טיר האָט אויפגעוועקט דאָס קרענקלע-כע קינד. עס הייבט לאַנגזאַם אויף די שווערע ברעמען, דאָס וועקסן-געל פּנים פאַרקרימט זיך, און עס הייבט אָן צו פּייפן אונטערן געשוואָלענעם נעזל. נאָר זי שטייט אַלץ אויף איר אָרט, אויסער זיך, ווי פאַרשטיינערט, און הערט נישט דעם קינדס קול.

— האַ! — רייסט זיך איר ענדלעך אַ הייזעריק קול פון דער פאַרענגטער ברוסט אַרויס, — אַזוי — נישט די וועלט, נישט יענע-וועלט... הענגען — זאָגט ער, — ווערגן — זאָגט ער, — הייסע סמאָלע, בלייַ — זאָגט ער! — ביטול-תורה!

— גאָרנישט... מ י ר גאָרנישט... — העשעט איר אין צעריסענעם האַרץ: דאָ הונגער... אָן אַ קלייד... אָן בענטש-לייכטער... אַלץ נישט... דאָס קינד הונגע-ריק... קיין טראָפּן מילך... און דאָרט—הענגען... הענגען אויף דער צונג... ביטול-תורה — זאָגט ער. —

— הענגען... כאַ! כאַ! כאַ! — רייסט זיך ראַפּטעם אויס איר פאַרצווייפלט קול...— הענגען, יאָ, נאָר דאָ! דאָ — באַלד! אַלציינס! נאָכוואָס וואַרטן?

דאָס קינד הייבט אָן העכער צו וויינען, נאָר זי הערט אַלץ נישט.

— אַ שטריק! אַ שטריק! — שרייט זי אויסער זיך, און זוכט מיט פאַר-בלאָנדזשעטע אויגן אַ שטריק אין אַלע ווינקעלעך.

— אַ שטריק ווו נעמט מען? זאָל ער שוין מיין געביין דאָ נישט טרעפן! לאָמיר כאָטש ד אָ ס גהינם פּטור[1] ווערן! זאָל ער וויסן! זאָל ע ר זיין אַ מאַמע! זאָל ער! אַ כּפּרה[2] בין איך! אַ מלאך-המות![3] אָן עק! אָן עק זאָל עס זיין! אַ שטריק!

און דאָס לעצטע וואָרט רייסט זיך איר פון האַלדז אַרויס ווי אַ רוף אויף הילף ביי אַ שׂרפה.

זי דערמאָנט זיך, אַז עס ליגט ערגעץ אַ שטריק... יאָ, אונטערן אויוון... מע האָט געזאָלט אויפן ווינטער דעם אויוון איבערבינדן, ער מוז נאָך דאָרט ליגן...

זי לויפט צו און געפינט דעם שטריק: אַ פרייד — זי האָט געפונען דעם אוצר![4] זי וואַרפט אָן אויג אויפן סופיט — דער האַקן זיצט... זי דאַרף נאָר אויפן טיש אַרויף. —

זי שפרינגט אַרויף —

נאָר פון דער הייך דערזעט זי, אַז דאָס דערשראָקענע, פאַרכאַלעשטע

---

1) פּאַטער. 2) קאַפּאָרע. 3) מאַלעך האַמאָוועס — דער מלאך פון טויט. 4) אויצער.

קינד איז אויפגעזעצט, עס בייגט זיך איבערן וויגל, עס וויל אַרויס! אָט, אָט פאַלט עס אַרויס...

— מאַמע! — האָט דאָס קינד קוים אויסגעריסן פון שוואַכן העלדזל.

עס כאַפּט זי אָן אַ נייער כעס. —

זי וואַרפט אַוועק דעם שטריק, שפּרינגט אַראָפּ פון טיש, לויפט צו צום קינד, און וואַרפט אים דאָס קעפל אויפן קישן צוריק, שרייענדיק:

— אַפילו הענגען לאָזט עס מיך נישט! אַפילו נישט הענגען בשלום![1]

עס וויל שוין ציען... ציען וויל עס... אָ! סם[2] וועסטו ציען פון דער ברוסט, סם!

— נאַ, פרעסער, נאַ! — שרייט זי אויס אין איין אָטעם, און שטופּט דעם קינד די אויסגעדאַרטע ברוסט אין מויל אַריין:

— נאַ, צי, בייס!...

1) בעשאָלעם — רויק. 2) סאַם.

שלום־בית[1]

חיים[2] איז אַ טרעגער.

אַז ער גייט דורך די גאַס, איינגעהויקערט אונטערן קאַסטן סחורה[3], זעט מען אים נישט אַרויס, עס דאַכט זיך, אַז דער קאַסטן גייט אַליין אויף צוויי פּיס... דאָס שווערע אָטעמען הערט זיך דאָך פונוויטנס!

דאָך – אָט לייגט ער אָפּ די לאַסט, באַקומט זיינע עטלעכע גראָשן; ער גלייכט זיך אויס, אָטעמט שטאַרק אָפּ, בינדט אָפּ די פּאָלעס, ווישט זיך אָפּ דעם שווייס פון פּנים[4], גייט גלייך צום ברונעם, טוט אַ פּאָר שלונג וואַסער און לויפט אין אַ הויף אַריין.

ער שטעלט זיך לעבן אַ וואַנט, הייבט אויף דעם ריזן־קאָפּ אַזוי, אַז דער שפּיץ באָרד, מיט דער נאָז, מיטן דאַשעק פונעם היטל קומען אויס אויף איין שטח[5].

ער רופט:

– חנה[6]!

פון אונטערן דאַך עפנט זיך אַ קליין פענצטערל און אַ קליין ווייבעריש קעפּל אין אַ ווייסן ציפּיק ענטפערט:

– חיים?!

1) שאָלעם־באַים—אַ שטיל צוזאַמענלעבן אין דער פאַמיליע. 2) כאַים. 3) סכוירע. 4) פּאָנעם. 5) שעטעך — אייבערפלאַך. 6) כאַנע.

דאָס פּאָרפּאָלק קוקט זיך גאַנץ צופרידן אָן, די שכנים[1] זאָגן: זיי קעטשקען זיך. חיים וואַרפט אַרויף זיין פּאַרדינסט, איינגעוויקלט אין אַ שטיקל פּאַפּיר. חנה כאַפּט עס אין דער לופט, עס איז איר נישט דאָס ערשטע מאָל.

אַ בריה נפלאה[2] – מאַכט חיים, און האָט גאָר קיין חשק[3] נישט אַוועקצוגיין.

– גיי, גיי, חיים! – שמייכלט זי, – איך קאָן מיך נישט רירן פון קראַנקן קינד... איך האָב צוגעשטעלט דאָס וויגל צום קוימען... מיט דער האַנט שוים איך און מיטן פוס וויג איך...

– וואָס מאַכט עס, נעבעך?

– בעסער!

– געלויבט איז גאָט! און הענע?

– ביי דער נייטערין!

– יאָסל?

– אין חדר[4].

חיים לאָזט צוריק אַראָפּ די באָרד, גייט אַוועק, און חנה קוקט אים נאָך ביז ער ווערט איר פאַרשוווּנדן.

דאַנערשטיק און פרייטיק דויערט עס לענגער.

– וויפל האָסטו דאָ אינעם פּאַפּירל? – פרעגט חנה.

– צוויי און צוואַנציק גראָשן.

– איך האָב מורא[5], עס איז ווייניק!

– וואָס דאַרפסטו דען, חנה?

– פאַר אַ זעקסער שמירעכץ פאַרן קינד, פאַר עטלעכע גראָשן ליכט, חלה האָב איך שוין... פלייש אויך, אַנדערטהאַלבן פונט... נו – בראָנפן אויף קידוש[7] היינט דאַרף מען נאָך עטלעכע דרענגלעך!

– דרענגלעך וועל איך דיר שוין שאַפן, עס מוז זיין אויפן מאַרק.

– דאַרף איך נאָך...

און זי רעכנט אויס, וואָס זי דאַרף נאָך אַלץ אויף שבת[8]. סוף-כל-סוף[9] בלייבט: אַז מע קאָן קידוש מאַכן איבער חלה, און אַז אָן אַ סך זאַכן איז זיך גאַנץ לייכט צו באַגיין.

דער עיקר[10] איז – בענטש-ליכט, אויך די זאַלב פאַרן קינד!

---

1) שכיינים. 2) בעריע-ניפלאָע—אַן אויסגעצייכנטע באַלעבאָסטע. 3) כיישעק. 4) כיידער. 5) מוירע. 6) כאַלע. 7) קידעש—אַ תפילה אַזאַ, וואָס פרומע יידן פלעגן זאָגן אין אָנהייב פון שבתדיקן אָדער יום-טובדיקן מאָלצייט. 8) שאַבעס. 9) סאָף-קאָל-סאָף. 10) דער איקער.

און פונדעסטוועגן, אַז גאָט העלפט, די קינדער זיינען געזונט, די מעשענע לייכטער — נישט פאַרזעצט, בפרט[1] אויב עס איז נאָך דאָ אַ קוגל — האָט דאָס פּאָרפאָלק גאָר אַ פריילעכן שבת!

וואָרעם חנה איז אַ בריה נפלאה צום קוגל!

שטענדיק פעלט איר עפּעס: דאָ מעל, דאָ אייער, דאָ פעטס, און צום סוף[2] קומט אַרויס אַ פעטער, אַ זיסער, אַ מחיהדיקער[3] קוגל: ער צעגייט פשוט[4] אין אַלע איברים[5].

— דאָס קאָכט דער מלאך[6] — זאָגט חנה און שמייכלט פאַר נחת[7].

— יאָ, אַ מלאך, אַוודאי אַ מלאך! — לאַכט חיים, — דו מיינסט, אַז דו ביסט אַ קליינער מלאך, אַז דו האַלטסט אויס פון מיר און פון די קינדער... וויפל מאָל טוען זיי דיר אָן צרות[8], איך ווער אַמאָל בייז... נו, הער איך עפּעס אַ קללה פון דיר, ווי אַנדערע ביי די ווייבער? און באַשר[9], דו האָסט אַ סך נחת פון מיר? דו און די קינדער גייען נאַקעט און באָרוועס... צו וואָס טויג איך? נישט צו קידוש, נישט צו הבדלה[10], איך קאָן אַפילו נישט רעכט קיין זמירות[11] זינגען...

— ביסט פאַרט אַ גוטער טאַטע און אַ גוטער מאַן! — האַלט זיך חנה ביים איריקן, — אַזאַ יאָר אויף מיר און אויף כל־ישראל[12]... איך זאָל מיך נאָר עלטערן מיט דיר, רבונו־של־עולם![13]

און דאָס פּאָרפאָלק קוקט זיך אין די אויגן אַריין אַזוי גוט, אַזוי וואָרעם, און אַזוי מיטן גאַנצן האַרצן, אַז עס דאַכט זיך, זיי זיינען ערשט פון אונטער דער חופּה[14] אַפּיר...

עס ווערט נאָך פריילעכער ביים טיש...

נאָר נאָכן שלאָף גייט חיים אין קליינעם שולכל אַריין הערן תורה[15].

דאָרט לערנט אַ מלמד[16] מיטן פּראָסטן עולם[17] „אַלשיך"[18]. עס איז הייס, די פּנימער[19] זיינען נאָך פאַרשלאָפן, איינער כאַפּט נאָך אַ דרימל; דער

---

1) ביפראַט. 2) סאָף. 3) מעכאַיעדיקער. 4) פּאָשעט. 5) אייווערים — גלידער. 6) מאַלעך. 7) נאַכעס. 8) צאָרעס. 9) באַאַשער—דאָ געמיינט: פאַר וואָס. 10) האַוודאָלע — תּפילה ביים אָנצינדן ליכט שבת ביינאַכט. 11) זמירעס — תּפילות, געזאַנגען שבת ביים עסן. 12) קאָל־ייסראָעל—אַלע יידן. 13) ריבוינע־שעל־אוילעם—גאָט. 14) כופּע. 15) טוירע. 16) מעלאַמעד. 17) אוילעם—דאָ געמיינט: יידן. 18) „אַלשיך"—אַ רע־ליגיעזער בוך, וואָס איז אָנגעשריבן אין 16־טן י"ה דורך משה אַלשיך. אין דעם בוך זיינען דאָ דערקלערונגען צום תּנ"ך, ווי אויך פאַרשיידענע מעשיות וועגן דעם, וויאַזוי די פרומע, ערלעכע יידן ווערן באַלוינט נאָכן טויט אין גן־עדן און די זינדיקע שלעכטע ווערן געשטראָפט אין גהינם. 19) פּענעמער.

צווייטער לאָזט אַרויס אַ הויכן גענעץ; נאָר ראַפּטעם ווען עס קומט צום רעכטן אָרט, מע שמועסט פון יענער-וועלט, פון גהינום[1], ווו מען שמייסט די רשעים[2] מיט אייזערנע ריטער; פון ליכטיקן גן-עדן[3], ווו די צדיקים זיצן אין גאָלדענע קרוינען און לערנען תּורה — דעמלט ווערן אַלע אויפגעלעבט, די מיילער — אָפן, די פּנימער—רויט... מע הערט זיך איין אָן אַן אָטעם, וואָס עס וועט זיין אויף יענער-וועלט!

חיים שטייט געוויינלעך ביים אויוון. ער האָט טרערן אין די אויגן, עס ציטערן אים די הענט און פיס, ער איז איינגאַנצן אויף יענער-וועלט!

ער ליידט צוזאַמען מיט די רשעים, באָדט זיך אין הייסער סמאָלע; ער ווערט געוואָרפן כף הקלע[4], קלייבט שפּענער אין די וויסטע וועלדער... אַלץ לעבט ער דורך, און עס באַדעקט אים דער קאַלטער שווייס... פאַר דאָס האָט ער שפּעטער נחת גלייך מיט אַלע צדיקים: דער ליכטיקער גן-עדן, די מלאכים[5], דער לוויתן[6], דער שור-הבור[6] און אַלע גוטע זאַכן, שטעלן זיך אים פאַר אַזוי לעבעדיק און אַזוי בולט[7], אַז ווען דער מלמד ענדיקט, גיט אַ קוש און פאַרמאַכט דאָס ספר[8], כאַפּט ער זיך אויף ווי פון אַ חלום[9], טאַקע ווי פון יענער-וועלט.

— אַך — כאַפּט ער שווער דעם אָטעם, וואָס ער האָט איינגעהאַלטן די גאַנצע צייט, — רבונו-של-עולם! כאָטש אַ שטיקל, כאָטש אַ פּיצל, כאָטש אַ בראָקעניו עולם-הבא[10]... פאַר מיר, פאַר מיין ווייב, און פאַר אַלע מיינע קינדערלעך!

און דעמלט ווערט ער טרויעריק, ער פרעגט זיך: „אימשטיינס געזאָגט, פון וואָס, פאַר וואָס?...“

איינמאָל איז ער נאָכן לערנען צוגעגאַנגען צום מלמד:

— רבי — זאָגט ער און זיין קול[11] ציטערט — גיט מיר אַן עצה[12], איך זאָל זוכה[13] זיין צו האָבן עולם-הבא!

— לערן, מיין קינד, תּורה! — הערט ער אַ תּשובה[14].

— איך קען נישט!

1) גענעם. 2) רעשאָים — זינדיקע, שלעכטע. 3) גאַנ־יידן. 4) קאַפּאַקאַל — אַזאַ שטראָף. לויט דער לעגענדע, ווערן געוויסע זינדיקע נאָכן טויט באַשטראָפט מיט וואַרפן זייערע קערפּערס פון איין עק וועלט צום אַנדערן. 5) מאַלאָכים. 6) לעוויאָסן און שאָר-האַבאָר — לעגענדאַרע באַשעפענישן: אַ ריזיקער פיש און אָקס, וועלכע מע וועט עסן נאָכן קומען פון משיחן. 7) בוילעט—דייטלעך. 8) סייפער. 9) כאָלעם. 10) אוילעם-האַבע — יענע-וועלט. 11) קאָל. 12) אייצע. 13) זוכע זיין—האָבן די ווערט, פאַרדינען. 14) טשוווע — ענטפער.

— לערן משניות[1]... עין יעקב[2], כאָטש פּרק[3]...

— איך קען נישט!

— זאָג תהילים[4]!

— איך האָב קיין צייט נישט!

— דאַוון ערנסט!

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס איך דאַוון!

דער מלמד קוקט אים אָן מיט רחמנות[5].

— וואָס ביסטו? — פרעגט ער.

— אַ טרעגער.

— נו, זיי משמש תלמידי חכמים[6].

— וואָס הייסט?

— טראָג, למשל[7], אַלע פאַרנאַכט אין בית-מדרש[8] אַריין אַ פּאָר קאַנען וואַסער, די לומדים[9] זאָלן האָבן צו טרינקען...

חיים ווערט דערפרייט.

— רבי[10], — האָט ער ווייטער געפרעגט, — און מיין ווייב?

— אַז דער מאַן זיצט אויף אַ שטול אין גן עדן, איז דאָס ווייב זיין פוסבענקעלע.

. . . .

אַז חיים איז געקומען אַהיים הבדלה מאַכן, איז חנה געזעסן און געזאָגט: „גאָט פון אברהם"[11]. אַז ער האָט זי דערזען, האָט אים עפּעס אָנגעכאַפּט ביים האַרץ.

— ניין, חנה, — פאַלט ער צו איר צו, — איך וויל נישט, דו זאָלסט זיין מיין פוסבענקעלע... איך וועל מיך אַראָפּבייגן צו דיר, איך וועל דיך אויפהייבן און זעצן דיך נעבן מיר. מיר וועלן צוזאַמען זיצן אויף איין שטול, ווי אַצינד... עס איז אונדז אַזוי גוט צוזאַמען, הערסט, חנה, דו מוזט זיצן מיט מיר אויף איין שטול... דער רבונו-של-עולם וועט מוזן באַשטיין!

1) מישנייעס — דאָס זעלבע וואָס משנה (מישנע). דער תלמוד (טאַלמוד) (די זאַמלונג פון געזעצן פון דער תורה און די דערקלערונגען און אויסטייטשונגען צו זיי, געשאַפן אין ירושלים און בבל אין די לעצטע יאָרהונדערטן פון דער אַלטער צייט און אין פריען מיטלאַלטער), באַשטייט פון צוויי טיילן: משנה און גמרא (געמאָרע). 2) איין-יאַנקעוו — אַ רעליגיעזער בוך, לעגענדעס און מוסר-דערציילונגען פון תלמוד. 3) פּייִרעק — אַ טייל פון תלמוד, זייער אַ לייכטער צום פאַרשטיין. 4) טילים — אַ טייל פון תנ"ך, לויב-געזאַנגען פאַר גאָט. 5) ראַכמאָנעס. 6) מעשאַמעש טאַלמידיי-כאַכאָמים — באַדינען געלערנטע, די וואָס לערנען תורה. 7) לעמאָשל. 8) בעסמעדרעש. 9) לאָמדים — לערנערס. 10) רעבע. 11) „גאָט פון אברהם" — אַ תפילה אויף יידיש, וואָס פרומע פרויען פלעגן זאָגן שבת פאַרנאַכט.

בילדער פון אַ פּראָווינץ־רייזע

(קאַפּיטלען)

לאַשטשאָוו

אין אַ טונקעלער זומער־נאַכט, צווישן עלף און צוועלף, בין איך אָנגעקומען קיין לאַשטשאָוו. ווייטער אַ מאַרק, אַרומגעצוימט מיט געבויטע און געמויערטע הייזלעך. אינמיטן מאַרק ליגן אָנגעוואָרפענע ווייסע שטיינער. איך פאָר צו נעענטער — די שטיינער רירן זיך, קריגן הערנער, עס ווערט פון זיי אַ מחנה[1] הערלעך־ווייסע ציגן.

די ציגן זיינען געשייטער פאַר טישאָוויצער קהל[2], זיי דערשרעקן זיך נישט. איינע אָדער צוויי אינגאַנצן האָבן אויפגעהויבן די קעפּ, באַטראַכט אונדז שלעפּעריק, און ווייטער זיך גענומען צום קאַרגן גראָז אין גאַס און צום קראַצן איינס דאָס אנדערע!

גליקלעכע ציגן! עס מאַכט אויף אייך קיינער קיין בלבולים[3], איר ברויכט זיך נישט שרעקן פאַר סטאַטיסטיקער. אמת[4] — מע קוילעט אייך, נו וואָס? ווער שטאַרבט נישט פאַר דער צייט? יסורים — האָט איר זיכער ווייניקער!

איך דערמאָן מיך, וואָס מע האָט מיר אין טישאָוויץ געזאָגט: אין לאַשטשאָוו וועט אייך בעסער און געשווינדער גיין. רויקע באַלעבאַטים, שטילע, עס וועט אייך קיינער נישט נאָכלויפן.

---

1) מאַכנע. 2) קאָהעל — דאָ געמיינט: די יידן פון דער שטאָט. 3) בילבולים— פאַלשע באַשולדיקונגען. 4) עמעס.

קהל און די ציגן זעען עס אויס אַ זיווג[1] צו זיין, איינס אין דאָס אַנדערע געראָטן.

דאָך מיין גאַסטהייזער, מיינער אַן אַלטער באַקאַנטער, מאַכט מיר אַ ביסל שווער דאָס האַרץ, עס איז נישט, זאָגט ער, אַזוי לייכט ווי מען מיינט.

— און וואָס וועט איר טאָן? — פרעגט ער, — איר וועט אַרומגיין מבית לבית[2]?!

— ווי דען?

— הלוואַי[3] מע זאָל אייך ענטפערן אַ גוט וואָרט!

— פאַרוואָס נישט?

— אַ ייד האָט פיינט, מע זאָל אים עפענען און ציילן די קאַסע.

— וואָס איז, די ברכה[4] וועט נישט אַריין?

— ניין, דאָס נישט, נאָר די קללה[5] — דער קרעדיט — וועט אַרויס.

די ערשטע פרווו

אינדערפרי, נאָך איידער דער *שמש*[6] איז געקומען, זיינען שוין געווען ביי מיר עטלעכע יידן, זיי ווילן זען דעם פאַרשרייבער. מיין *שם*[7] פאָרט פאַר מיר.

איך מאַך אַ פרווו און ווענד זיך צו איינעם.

— גוט־מאָרגן, רב קרוב[8].

— גוט־מאָרגן, שלום־עליכם[9].

ער דערלאַנגט מיר גאַנץ פויל די האַנט.

— ווי הייסט איר, רב קרוב?

— לוי־יצחק[10].

— און אויפן דייטשן נאָמען?

— וואָס דאַרפט איר צו וויסן?

— וואָס, אַ סוד[11] איז עס?

— אַ סוד צי נישט אַ סוד, נאָר איר מעגט מיר זאָגן, נאָכוואָס איר דאַרפט וויסן... דאָס איז דאָך אַוודאי[12] קיין סוד נישט!

— איר ווייסט דען נישט?

— נישט אַקוראַט...

---

1) זיווג — אַ פּאָר, ווי מאַן און פרוי. 2) מיבאַים לעבאַים — פון שטוב צו שטוב. 3) האַלעוויי. 4) בראָכע. 5) קלאָלע. 6) שאַמעס. 7) שעם — נאָמען. קריגן אַ שם באַדייט: זיין באַרימט. 8) רעב קאָרעוו. 9) שאָלעם־אַלייכעם. 10) לייווי־ייצכעק. 11) סאָד. 12) אַוואַדע.

— אַ ווייב?

— עט!

— וואָס הייסט „עט“?

— ער וויל זיך גטן[1]! — ענטפערט פאַר אים אַן אַנדערער.

— וויפל קינדער?

ער מוז זיך מישב זיין[2], און ציילט אויף די פינגער: פון ערשטן ווייב, מיינע — איינס, צוויי, דריי, אירע — איינס, צוויי, — פון צווייטן ווייב...

עס ווערט אים דאָך נמאס[3] צו ציילן.

— נו, זאָל זיין זעקס!

— „זאָל זיין“ טויג נישט, איך דאַרף וויסן אַקוראַט!

— זעט איר, אָט דער „אַקוראַט“ איז נישט פּראָסט! אַ ק ו ר אַ ט!

— וואָס דאַרפט איר וויסן אַקוראַט? וואָס איז, אַ טשינאָווניק[4] זיינט איר? מע צאָלט אייך דערפאַר? עס וועט אייך עמעץ נאָכפּאָרן און קאָנטראָלירן אַ ק ו ר אַ ט!

— זאָג, בהמה[5], זאָג! — מונטערן די רעשט — האָסט אָנגעהויבן — זאָג! זיי ווילן וויסן, וואָס פאַר אַ שאלות[6] עס וועט אַלץ זיין.

ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעציילט אויף די פינגער און עס איז געוואָרן, ברוך השם[7], דריי מער.

— ניין קינדער, זאָלן געזונט און שטאַרק זיין.

— וויפל זין און וויפל טעכטער?

ער האָט נאָך אַ מאָל געציילט:

— פיר זין און פינף טעכטער.

— וויפל זין און וויפל טעכטער האָט איר אויסגעגעבן?

— דאָס דאַרפט איר אויך וויסן? זאָגט מיר פאָרט נאָכוואָס?

— זאָג שוין, זאָג! — רופט דער עולם[8] אומגעדולדיקער.

— דריי טעכטער און צוויי זין, — ענטפערט עמעץ פאַרן געפרעגטן.

— טאַקע? — מאַכט דער געפרעגטער — און ישראליק[9]?

— ער האָט דאָך נאָך נישט חתונה[10] געהאַט!

— ביסט אַ פערד! מע רופט אים דעם שבת אויף! וואָס מאַכט אויס אַנדערהאַלבן וואָכן!

איך פאַרשרייב, און פרעג ווייטער:

---

1) געטן זיך — פונאַנדערגיין זיך פון מאַן און פרוי. 2) מעיאַשעוו זיין. 3) נימעס. 4) טשינאָווניק—אַמאָליקער באַאַמטער אין צאַרישן רוסלאַנד. 5) בעהיימע. 6) שיילעס — פראַגעס. 7) באָרעך האַשעם — געלויבט גאָט. 8) אוילעם. 9) סראָליק. 10) כאַסענע.

— גערינט אין מיליטער האָט איר?

— אַ באַצאָלטער, 400 רובל! ווו נעם איך זיי היינט! — קרעכצט ער.

— און די זין?

— דער עלטערער האָט אַ גוליע אונטערן רעכטן אויג, און איז, לא עליכם[1], אָפּגעלעגן אין דריי שפּיטעלער, געקאָסט האָט מער ווי אַ חתונה, און מע האָט אים קוים פון פּאָלק אַהיימגעשיקט! דער צווייטער האָט אַ ווייבער, דער דריטער דינט.

— און דאָס ווייב?

— מן-הסתם[2] איז זי ביי מיר! וואָס איז די שאלה?

— זי האָט דאָך געקאָנט זיין ביי איר פאָטער!

— אַ קבצן!

— אַ הויז האָט איר?

— ווי דען?

— וויפל איז עס ווערט?

— עס זאָל שטיין אין זאַמאָשטש, וואָלט עס ווערט געווען, הי איז עס נישט ווערט אַ דרייער, טיליע[3] וואָס איך האָב אַ דירה.

— פאַר 100 רובל וואָלט איר עס פאַרקויפט?

— חס ושלום![4] אַ נחלה[5]?! פאַר 300 אויך נישט. זעט איר — 500 רובל! מאַ! וואָלט איך מיר געדונגען אַ שטיבל, געמאַכט אַ שטיקל עסק[6]...

— און אַזוי וואָס איז אייער געשעפט?

— ווער האָט אַ געשעפט?

— פון וואָס לעבט איר?

— ד אָ ס מיינט איר?! מע לעבט!

— פונוואַנען?

— פון השם יתברך[7]! אַז ער גיט, האָט מען!

— ער וואַרפט דאָך פון הימל נישט אַראָפּ!

— ער וואַרפט טאַקע! איך וויס, פונוואַנען איך לעב? אָט מאַכט אַ חשבון[8]: איך דאַרף אַ הון[9] — 4 רובל אַ וואָך אַוודאי! פון הויז האָב איך, אַ חוץ מיין דירה, אַ רובל 12 הכנסה[10]; גייט אַראָפּ 9 רובל פּאָדאַטעק, 5 רובל אויף רעפּעראַציע, בלייבט — אַ לאָך אין קעשענע אויף 2 רובל אַ יאָר אַוודאי!

1) לוי-אַלייכעם — נישט פאַר אייך געדאַכט. 2) מינעסטאַם. 3) טיליע — פון פּוילישן „טילקאָ“ — נישט מער. 4) כאַס-וועשאָלעם — גאָט באַהיט. 5) נאַכלע — אַן אייגן הויז וואָס גייט איבער פון עלטערן צו קינדער. 6) אייסעק — אַ געשעפט, אַ האַנדל. 7) האַשעם-ייסבאָרעך — געלויבט איז גאָט. 8) כעזשבן. 9) הוין — דאָ געמיינט: אַ גרויסע סומע. 10) האַכנאָסע.

ער פאַלט אַריין אין גדלות[1]:

— קיין געלט, ברוך השם, האָב איך נישט! נישט איך, נישט די אַלע יידן, וואָס שטייען דאָ, נישט אַלע יידן! אויסער, אפשר, די דייטשן פון די גרויסע שטעט... מיר האָבן נישט קיין געלט! קיין מלאכה[2] קאָן איך נישט, מיין זיידע האָט קיין שטיוול נישט געניית! פונדעסטוועגן, אַז השם יתברך וויל, לעב איך; און לעב שוין אַזוי אַ יאָר עטלעכע און פופציק! און דאַרף מען אַ קינד חתונה מאַכן, מאַכט מען חתונה, טאַנצט מען אין דער בלאָטע!

— הכלל[3], וואָס זיינט איר?

— אַ ייד!

— וואָס טוט איר גאַנצע טעג?

— איך לערן, איך דאַוון... וואָס טוט אַ ייד?! אַז איך עס אָפּ, גיי איך אין מאַרק אַריין...

— וואָס טוט איר אין מאַרק?

— וואָס איך טו? וואָס עס לאָזט זיך! אָט, נעכטן למשל[4], האָב איך דורכגייענדיק געהערט, אַז יונה[5] באָריק וויל קויפן פון אַ פּריצ[6] וועגן דריי טריקעס[7]; פאַרטאָג בין איך שוין ביים צווייטן פּריץ, וואָס האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ער האָט צו פיל טריקעס! האָב איך געמאַכט מיט יו ה באָריק יחדיו[8] און האָבן, ברוך־השם, פאַרדינט צו אַנדערהאַלבן קערבל־שט ק!

— זייט איר, הייסט עס, אַ מעקלער?

— איך וויים? אַמאָל, פאַלט מיר איין, קויף איך גאָר אַ קערצל תבואה[9]!

— אַמאָל?

— וואָס הייסט אַמאָל? אַז איך האָב דאָס קערבל, קויף איך.

— און אַז נישט?

— שאַף איך מיר אַ קערבל!

— וויאַזוי?

— ווי הייסט וויאַזוי?

און עס געדויערט אַ שטונדע, איידער איך ווער געוואָר, אַז לוי־יצחק בערנפעלץ איז אַ שטיקל דין[10], אַ שטיק מעקלער, אַ חלק סוחר[11], אַ פּיצל שדכן[12]; אַמאָל, פאַלט אים איין, גייט ער גאָר אין שליחות[13].

1) גאַדלעס — איבערגעטריבענער שטאָלץ, באַרימערישקייט. 2) מעלאָכע. 3) האַקלאַל. 4) לעמאָשל. 5) יוינע. 6) פּאָרעץ. 7) טריקעס — באַראַנעס. 8) יאַכדאָוו — איינס. 9) טווּוע. 10) דייען—ריכטער, דער וואָס פלעגט פונאַנדערקלייבן לאָדענישן לויטן יידישן געזעץ. 11) כיילעק סויכער. 12) שאַדכן. אַמאָליקע יאָרן פלעגט דאָס חתונה האָבן ביי יידן פאָרקומען מערסטנטייל דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ שדכן. 13) שעליכעס — דאָ געמיינט: דערליידיקן עפּעס פאַר עמעצן אין אַ צווייטער שטאָט.

און פון די אַלע אויסגערעכנטע און פאַרגעסענע „מלאכות"[1] פאַרדינט ער, כאָטש בדוחק גדול[2], זיין ברויט פאַר ווייב־און־קינד! אַפילו פאַר דער אויס־געגעבענער טאָכטער, ווייל איר שווער איז גאָר אַ קבצן!

די צווייטע פרווו

מע פירט מיך אין אַ געוועלבל אַריין.

עטלעכע פעקלעך זאַפּאַלקעס, עטלעכע פודעלעך פּאַפּיראָסן, נאָדלען, שפּילקעס, האָרנאָדלען, קנעפּלעך, געלע, גרינע זייף! עטלעכע שטיקלעך היימיש געמלאכהטע שמעקעדיקע זייף... אַ ביסל בשמים[3] און נאָך קלייניקייטן...

— ווער ווינט דאָ? — פרעג איך.

— איר זעט דאָך! — ענטפערט מיר אַ יידענע און קעמט ווייטער אַ מיידעלע פון אַ יאָר צען, וואָס האָט דערווייל אַפּירגעכאַפּט דאָס קעפּל פון אונטערן קעמל און באַקוקט מיט גרויסע פאַרחידושטע[4] אויגן דעם גוי, וואָס רעדט יידיש!

— לייגסט צוריק דעם קאָפּ! חצופה[5]! — שרייט די מוטער.

— ווי הייסט אייער מאַן? — פרעג איך.

— משה!

— אויפן דייטשן נאָמען?

— זיין נאָמען זאָל אַהיימקומען! — שילט זי פּלוצעם. — פיר שעה[6] איז ער געגאַנגען אָפּנעמען ביי דער שכנה[7] אַ טעפּל.

— הער אויף צו פּיסקעווען! — מאַכט דער שמש[8] — זאָג, וואָס מען פרעגט דיך.

פאַרן שמש האָט זי מורא[9], ער איז שמש און סאָלטיס צוזאַמען. ער נעמט צונויף די פּאָדאַטקעס און איז, אַ חוץ דעם, אַ חשוב[10] ביים וואָיט:

— ווער פּיסקעוועט? ווען? וואָס? אויף מיין מאַן טאָר איך אויך קיין וואָרט נישט רעדן?

— ווי הייסט ער אויפן דייטשן נאָמען? — פרעג איך נאָך אַ מאָל.

דער שמש אַליין האָט זיך דערמאָנט און זאָגט מיר „יונגפרייד".

— וויפל קינדער האָט איר?

— איך בעט אייך זייער, רב קרוב[11], קומט שפּעטער, ווען מיין מאַן וועט זיין, דאָס איז זיין זאַך! גענוג, איך האָב אויף מיין קאָפּ דאָס געוועלב מיט

1) מעלאָכעס. 2) בעדויכעק גאָדל — דאָ באַטייט: זייער ווינציק, קוים־קוים.
3) בסאָמים—געווירצן: פעפער, צימרינג, א"א. 4) פאַרכידעשטע. 5) כצופה—פאַרשייטע
6) שאָ. 7) שכיינע. 8) שאַמעס. 9) מוירע. 10) כאָשעוו — אַן אָנגעזעענער מענטש.
11) רעב קאָרעוו.

דער שטוב, מיט זעקס קינדער לאָבוסעס... טשעפּעט איר אייך כאָטש אָפּ פוי מיר!

איך פאַרשרייב דערוויילּ: זעקס קינדער, און פרעג, וויפל זי האָט פון זיי אויסגעגעבן.

— אויסגעגעבן! הלוואַי[1] וואָלט איך אוסגעגעבן, וואָלטן מיר וויניקער גרויע האָר געוואַקסן! ס׳וואַקסט ביזן גרויען צאָפּ אַריין.

— איר האָט סאַמע מיידלעך?

— דריי יונגען אויך!

— וואָס טוען זיי?

— וואָס זאָלן זיי טאָן? צרות[2] טוען זיי מיר אָן! זיי האָבן אָפענע מיילער!

— פאַרוואָס לערנט איר זיי נישט קיין מלאכה[3]?

זי פאַרציט די נאָז, וואַרפט אַ בייזן בליק און וויל מער נישט ענטפערן.

איך פאַל אויף אַ המצאה[4], קויף ביי איר אַ פעקל פּאַפּיראָסן, זי ווערט אַ ביסל בעסער אויפן פנים[5], און איך פרעג:

— וויפל פאַרדינט אייער מאַן?

— ער? ער פאַרדינט! מ׳קאָן זיך מיט אים באַהעלפן, נאָך אַ טעפל צו אַ שכנה שיקן? אסור חזיר[6], ער זאָמט שוין פיר שעה! איך וועל דען עסן וואַרמעס דורך אים?

זי איז ווייטער אַריין אין אַזאַרט, איך האָב געמוזט אָפּטרעטן און כאַפּן דעם מאַן אין גאַס; איך האָב אים דערקענט — ער האָט געטראָגן אַ טעפל!

וואָס דאַרף אַ ייִדענע?

מיר גייען פון הויז צו הויז, פון נומער איינס אָן. איך ווייס אַליין, ווו ייִדן און ווו נישט־ייִדן וווינען. איך קוק נאָר אין פענצטער אַריין: פאַרגעלטע פענצטער איז אַ סימן פון „אתה בחרתנו[7]“, בפרט[8] נאָך אויסגעהאַקטע שויבן, פאַרטרעטענע מיט קישעלעך און זעק... פאַר דאָס — בלומענטעפּ און פאָרהאַנגען זיינען סימנים מובהקים[9], אַז דאָ וווינט שוין אַזוינער, וואָס האָט נישט אַזאַ פּראַווע אויפן דלות[10] ווי יענע...

1) האַלעווײַ. 2) צאָרעס. 3) מעלאָכע. 4) האַמצאָע — איינפאַל, שפּיצל. 5) פּאָנעם. 6) אָסער כאַזער — דאָ געמיינט: אין קיין פאַל. 7) אַטאָ באָכאַרטאָנו — דאָ געמיינט: אַ ייִדן. 8) ביפראַט 9) סימאָנים מוּווהאָקים — ספּעציעלע צייכנס 10) דאַלעס — אָרעמקייט.

עס טרעפן זיך אויסנאַמען... אָט וווינט נ י ש ט אַ ייד, נאָר אַ שטאַרקער שיכּור[1]... און פאַרקערט —בלומען און פאָרהענגלעך, נאָר דאָ לייענט מען שוין די „הצפירה״[2].

דעם ערגסטן איינדרוק מאַכט אויף מיר אַ גרויס הילצערן משונה[3] הויז. עס איז גרעסער, נאָר שוואַרצער און ברודיקער פאַר אַלע הייזער. די פאַציאַט האָט זיך שטאַרק אַריבערגעבויגן און קוקט אויף זיינס גלייכן — אויף אַן אַלטע שוואַרצע חורבה[4]—אויף אַן אַלטער, אויסגעדאַרטער, איינגעבויגענער, ציטערדיקער יידענע, וואָס דינגט זיך מיט איר קונה[5] — אַ צעשויבערטע געלע דינסטמויד — איבער אַ צולאָג צו אַ פונט זאַלץ.

דער שמש[6] ווייזט מיר אויף דער אַלטער: דאָס איז „די באַלעבאָסטע פון הויז״. איך האָב מיך פאַרוווּנדערט: די יידענע איז צו אָרעם פאַר אַזאַ הויז.

— דאָס הויז — דערקלערט דער שמש — איז אייגנטלעך נישט אירס. זי האָט נאָר אַ זעקסטל „דאָזיוואָציע״[7]. אַן אלמנה[8] איז זי... נאָר די יורשים[9] אירע קינדער, וווינען נישט הי — הייסט זי באַלעבאָס.

— וויפל מאַכט דאָס הויז?

— גאָרנישט.

— ווערט איז עס?

— אַ פופצן הונדערט רובל.

— און מאַכט גאָרנישט?

— עס שטייט ליידיק.

אין דעם הויז, פאַרשטייט איר, האָט געוווינט אַמאָל אַ דאָקטער; איז ער געשטאָרבן און שוין, שטייט ליידיק ס׳הויז.

— וואָס איז, אויף אַ זאַראַזשליווע קראַנקהייט?

— חס ושלום![10]

— וואָס דען?

— עס האָט פשוט[11] נישט ווער צו וווינען, ווער זאָל וווינען?

— ווי הייסט, ווער?

— טאַקע ווער? ביי אונדז האָט יעדערער כּמעט[12] זיין נחלה. ווער עס דינגט שוין אַ דירה, וויל נישט קיין באַזונדערע שטוב צו פאַרהייצן. ביי אונדז

1) שיקער. 2) „האַצפיראָ“ — אַ ציימונג, וואָס די משכּילים האָבן אַרויסגעגעבן אין וואַרשע. דאָ באַטייט עס, אַז אין דער שטוב וווינט אַ משכּיל, און אויפגעקלערטער ייד. 3) מעשונע — מאָדנע, אומגעווייגלעך. 4) כורווע. 5) קוינע. 6) שאַמעס — באַדינער אין שול. 7) „דאָזשיוואָציע“ — דאָ געמיינט, אַז די יידינע האָט געהאַט רעכט צו וווינען אין דער שטוב ביזוואַנען זי לעבט. 8) אַלמאָנע. 9) יאָרשים. 10) כאַס־וועשאָלעם — דאָס אייגענע וואָס „גאָט זאָל היטן“. 11) פּאָשעט. 12) קימאַט.

איז אַ מאָדע, אַ קאָמאָרניק[1] צאָלט ענלעכע רובל אַ יאָר פאַר אַן עק שטוב מיט באַהייצונג. ווער דאַרף אַזוינע גרויסע שטיבער?

— נאָכוואָס האָט מען געשטעלט אַזאַ הויז?

— באַ — אַמאָל! היינט דאַרף מען נישט...

— נעבעך!

— וואָס פאַר אַ נעבעך? זי האָט אַ שטעל מיט זאַלץ, פאַרדינט עטלעכע רובל אַ וואָך. פון דעם צאָלט זי אָפּ 28 רובל אַ יאָר פאָדאַטעק פון הויז. פון דעם רעשט לעבט זי... וואָס דאַרף אַ יידענע? וואָס פעלט איר? תכריכים[2] האָט זי שוין...

איך האָב נאָך אַ מאָל אַ קוק געטאָן אויף דער אַלטיטשקער און עס האָט זיך מיר שוין געדאַכט, אַז עס פעלט איר באמת[3] גאָרנישט, איר גערונצלטע הויט האָט מיר אַפילו צוגעשמייכלט: וואָס דאַרף אַ יידענע?

אַסעקורירט

אַ רויק־שטילע זומער־נאַכט. אין עק הימל שוואַרצט זיך דאָס וועלדל.

רעכטס פונעם וואַלד, ביי אַ טייכל, ליגט דאָס שטעטל. עס איז געטיילט אויף צוויי חלקים[4]. איין חלק איז אַ לאַנגע שנור — אַ גראָדע, ברוקירטע גאַס מיט געמויערטע הייזער, אונטער בלעכענע דעכער, — סאַמע גשמיות[5], צוגעקאָוועטע צו דער ערד מיט פונדאַמענטן. די איינוווינער פון דער גאַס זיינען זיכער, אַז זיי וועלן דאָ לעבן און שטאַרבן; אַז עס זאָלן קומען אַלע ווינטן פון דער וועלט, וועלן זיי זיך נישט רירן פונעם אָרט.

דערנאָך גייט ערשט די צווייטע טייל. גאָר אַן אַנדערע וועלט; סאַמע רוחניות[6]: לייכטע הינערשע הייזער, דורכויס סאָסנע און שטרוי, זעלטן אַ שינדל־דאַך. עס בלאָזט אַ קליין ווינטל — ואיננו[7]... ציי האָפן די איינוווינער צו געפינען דעם קורצן וועג, און זוכן ווי די אומשטערבלעכע ציג דעם הר הבית[8], אָדער זיי שפעקולירן אויף פייער־קאַסע[9]?

---

1) קאָמאָרניק—לאָקאַטאָר, שכן. 2) טאַכריכים—ווייסע קליידער, וועלכע מען טוט אָן אַ טויטן. אַ סך פרומע יידן פלעגן זיך דאָס אָנגרייטן אַליין נאָך ביים לעבן. 3) בעעמעס. 4) כאַלאָקים — טיילן, כיילעק — אַ טייל. 5) גאַשמיעס — קערפּערלעכקייט, ערדישע געזונטקייט. 6) רוכניעס — גייסטיקייט, אומבאַשטימטקייט. 7) וועיינענו — און עס איז נישטאָ, ס'פאַרשווינדט. 8) האַר־האַבאַיס — דער באַרג, ווו עס איז געשטאַנען דער בית־המקדש (ביים־האַמיקדעש). דאָ דערמאָנט זיך אַ געוויסע לעגענדע וועגן אַ ציג פון אַ לאַמעדוואָווניק (אַ צאַדיק) וואָס פלעגט זיך לויפן פאַשען צום הר־הבית און קומען צוריק מיט אַ סך מילך. 9) שפעקולירן אויף פייער־קאַסע — דאָ געמיינט: דאָס אויס־

אוּן ווי ענלעך די הייזלעך זיינען צו די איינוווינער! אויך שמאָל־בּרוּסטיקע, פאַרטונקלטע פענצטער־אויגן, איינגעהויקערט אונטער אַ פאַררוקטן שטרויענעם ספּאָדעק.

פון די סוכות[1] קרייען אַרויס הענער, קוואָקען הינער און גענדז געגעגען. פון זומפּ, וואָס לעקט מיט שבעים לשונות[2] די שוועלן, קוואָקען באַלעבאַטיש די פרעש. נישט זעלטן מישט זיך אַריין אַ יידיש קעלבל מיט אַ בלעק, און אַ גווישער הונט ענטפערט אים פון דער לאַנגער גאַס.

באַלד אינדערפרי וועל איך אָנהייבן פאַרשרייבן.

איך ווייס פריער, וואָס עס וועט זיין: אויב נישט 36 רובל אַ יאָר, וועט אַרויס 33 און 32... איך וועל געפינען אַ סך מלאכות[3] און ווייניק ברכות[4]; פאַבריקן פון פּאָטאַש[5], אַ סך ליידיקע שטובן... דער שמש וועט מיר אויסרעכענען: ער איז אַ לויפער, זי אַ פשעקופקע; צוויי מיידלעך דינען אין לובלין, אין זאַמאָשטש... איין בחור איז אַ בעלפער, דער אַנדערער דינט און די שנור מיט 3—4—5 קינדער איז אַהיימגעפאָרן צו איר פאָטער־און־מוטער...

איך וועל טרעפן פאַרלאָזטע קינדער, וואָס באָדן זיך צוזאַמען מיט געגנדז און ענטן אין עק זומפּ; פּיצלעך־דרויב, וואָס רייסט זיך די העלדזלעך — אין וויג. קראַנקע אָן הילף אין די בעטן, קעסט־קינדער ביי גמראס[6], יונגע ווייבלעך אין פּעלענע שייטלעך[7]... קוים מאַך איך צו די אויגן, שווימען פאַר מיר דורך סאַמע מאַטע, גרינע, בלאַסע, פאַרקרימטע צורות... זעלטן איינע שמייכלט. זעלטן איינע מיט אַ חן־גריבל[8]... אַלע מענער אַזוי ווייניק מעניש, אַזוי גולמעוואַטע[9]... ווייבלעך מיט פאַרטריפטע אויגן, טראָגנדיק — אַ מולטער אויבס, אַ זאַק ציבעלעס, אָדער אַ פּרישן „אתּה בחרתּנו"[10] מיט אַ זאַק ציבעלעס צוזאַמען, — איך ווייס פאָרויס, אַז איך וועל טרעפן אַ טרייפענע שענק, צוויי־דריי פערד־גנבים[11] און מער ווי צוויי־דריי פּאַסירער[12]...

קוקן אויף דעם, וואָס די הייזער זיינען אַסעקורירט (פאַרזיכערט) אויפן פאַל פון אַ שׂרפה. ס'פּלעגן טרעפן פאַלן פון אונטערצינדן אַליין, כדי אָפּצונעמען די פאַרזיכערונגס־סומע, וואָס איז אָפטמאָל געווען גרעסער ווי די ווערט פון הויז.

1) סוכעס. 2) שיווים לעשוינעס — זיבעציק שפּראַכן. 3) מעלאָכעס. 4) בראָכעס. 5) פּאָטאַש — אַזאַ סאָדע. דאָ דערמאָנט זיך מיט איראָניע די „פאַבריק" פון דער „סקולער רביצין" (אָן אַנדער דערציילונג פון די „רייזע־בילדער"). 6) געמאָרעס. 7) שייטלעך — אַזעלכע פאַרוקן, וואָס יידישע פרויען פלעגן טראָגן, ווייל מ'האָט נישט געטאָרט טראָגן קיין אייגענע האָר. 8) כיין־גריבל. 9) גוילעמעוואַטע. 10) „אַטאָ בעכאַרטאָנו" — „דו האָסט אונדז אויסגעוויילט". אַזוי האָבן אַמאָליקע פרומע יידן געהאַלטן, אַז זיי זיינען אַן אויסדערוויילט פאָלק פון גאָט. דאָ „אַ פרישער אַטאָ בעכאַרטאָנו" געמיינט — „אַ נייַ יידעלע". 11) פערד־גאַנאָווים. 12) פּאַסירער — דאָס אייגענע וואָס פּאַסערס, דאָס הייסט אַזעלכע וואָס קויפן אויף געגאַנוועטע זאַכן.

נאָר וואָס וועט זיין פון דער סטאַטיסטיק[1]? צי קאָן זי ענטפערן אויף דער פראַגע: אויף וויפל ליידיקע מאָגנס, ליידיקע ציין; אויף וויפל מענטשן, וואָס אַ שטיקל ברויט ציט זיי די אויגן ווי מיט צוואַנגען אויס די לעכער אַרויס; אויף וויפל מענטשן וואָס זיינען באמת[2] געשטאָרבן פאַר הונגער — עס פאַלט אויס אַ טרייפענע שענק, א גנב און אַ פערד־גנב?

אין דער ליידיקער לופט שווימען פאַר מיר אַרויס גלעזערנע, בלאַסע און בלויע פנימער[3], און ברוין-בלויע פאַרברענטע ליפּן ליספּעלן[4]:

— פיר און צוואַנציק טעג איז אויף מיין קוימען קיין פייער ניט געווען.

— צען טעג דורכאַנאַנד האָבן מיר געגעסן שאָלן פון קאַרטאָפל.

— דריי זענען געשטאָרבן אָן אַ דאָקטאָר, אָן אַ רעצעפּט; דאָס פערטע האָב איך שוין געמוזט ראַטעווען.

די הייזעריקע ווערטער שניידן מיר דאָס האַרץ, ווי אַ שטומפּיק מעסער; איך אַנטלויף פון פענצטער, ביי וועלכן איך בין געשטאַנען; אָבער די שטוב איז פול מיט געשפּענסטער[5].

איך בין איינגעשלאָפן, און ביידע מלאָכים, דער יצר־טוב[6] מיטן יצר־הרע[6], האָבן זיך מיר געחלומט[7]. איך האָב זיי געזען, ווי זיי פליען אַראָפּ פאַרטאָג פון הימל, איינגעהילט אין אַ רויזיקן לייכטן נעפּל.

דער יצר־הרע האָט געטראָגן אין איין האַנט — אַ בלוי פּאַפּיר מיט אַ גרויס שוואַרץ אויג אין דער הייך, פון דער לינקער זייט,— אַן אַקט אַוודאי[8] אויף אַ הויז, אפשר אַ גוט... טייערע קליידער, אַ חוץ שטריימלעך, קאַפּאָטאַנעס מיט סטראָקעס, זיידענע גאַרטלען, ווי אויך צילינדערס און פראַקן, ווי פאַר איינעם. אויך: שטערן־טיכלעך, אויבלען, ברוסט־טיכער פון גינגאָלד, העלדזער פּערל, ווי אויך זיידענע און אַטלאַסענע שלעפּן פון אַלערליי קאָלירן, — דאָס אַלץ אין איין האַנט, אין דער צווייטער — שאָלן פון קאַרטאָפל...

דער יצר־טוב — נאַקעט און בלויז, אָן קליידער און אָן כלים[9], אַזוי ווי גאָט האָט אים באַשאַפן...

---

1) דאָ דערמאָנט פּרץ זיין אייגנטלעכע אויפגאַבע, צוליב וועלכער ער איז דעמלט אַרומגעפאָרן איבער יידישע שטעטלעך — די סטאַטיסטיק, דאָס צונויפזאַמלען ידיעות און ציפערן וועגן דער לאַגע פון יידן. 2) בעעמעס. 3) פּענעמער. 4) ליספּעלן — שעפּטשען. 5) געשפּענסטער — שרעקלעכע געשטאַלטן, ניט ענלעכע אויף מענטשן. 6) יעיצער־טאָוו און יעיצער־האָרע — לויט ווי אַמאָליקע פרומע יידן האָבן געגלייבט, זיינען דאָ צוויי מלאכים וואָס קעמפן אין מענטשן: דער ערשטער רעדט אָן צו גוטס, דער צווייטער צו שלעכטס. 7) געכאָלעמט. 8) אַוואַדע. 9) קיילים.

ביידע פליען. עס דאַכט זיך מיר, דער יצר-טוב וויל מיר עפּעס זאָגן, ער עפנט דאָס מיילעכל... אָבער נישט זיין קול[1] וועקט מיך אויף, נאָר אַ ווילד געשריי: עס ברענט!

איך שפּרינג אויף: אַ שרפה[2] פונקט קעגניבער!

אַ פייערדיקע צונג שטרעקט זיך אויס צו מיר, און זי, דאַכט זיך, זאָגט:

— שרעק זיך נישט... אַסעקורירט!

דער נשרף[3]

די פייערדיקע צונג האָט מיר אַרויסגעשטעקט רב חיים ווייצענזאַנגס הויז. וואָס אַ מאָל ווערט די צונג גרעסער, דאָס הויז קלענער, ביז עס איז אינגאַנצן איינגעפאַלן אין אַ ים[4] פון יללות[5] און געשריי פאַר שרעק.

צום גליק, איז קיין ווינט בשעת שרפה[6] נישט געווען.

אַז פון הינטערן באָד איז אַרויס די זון, האָט זי שוין מער נישט געזען, ווי שוואַרצע, לאַנגע מענער-קעפּ מיט שטעקעלעך צווישן די גלאָוויעס. זיי זוכן „שיריים"[7] פון ווייצענזאַנגס עשירות[8], צווישן די „שיריים" פון ווייצענזאַנגס הויז.

אַרום הייזל שטייען שוין רעדלעך געלע ווייבער, זיי האַלטן זיך צו מיט די „אָפּגעגאָסענע נעגל"[9] די ברודיקע שאַלן איבער די אומגעוואַשענע קעפּ, און מיט בלאַסע ליפּן באַקרעכצן זיי און באַוויינען דאָס הויז.

מיטן מאָרגן איז אָנגעקומען אַ פרישע ווינטל. פריער וואָלט ער זיך די הענט צעפירט, אַצינד שאָקלט ער קוים מיטן איבערגעבליבענעם אַלטן קוימען, דער קוימען שאָקלט זיך און קרעכצט טרויעריק, ווי אַן אַלמן[10]—אַן אבל[11]. און אפשר[12] הערט ער, ווי דער גאַסט-הייזער פאַרציילט מיר דעם „חורבן-הבית"[13] און שאָקלט צו מיטן קאָפּ: אמת[14], אמת!

. . . .

...געשווינדער וועסטו אַמאָל אויפקלייבן יעדן פאָדעם, יעדן שטויב פון לעבן, פון וועלכע דער שר של שינה[15] האָט דיר אויסגעוועבט אַ פאַנטאַסטישן

---

1) קאָל. 2) סרייפע. 3) ניסרעף — איינער, וואָס זיין הויז איז אָפּגעברענט געוואָרן. 4) יאַם. 5) יעלאָלעס — שטאַרקע געוויינען. 6) סרייפע. 7) שיראַים — איבערבלייבעכצן. 8) אַשירעס — רייכטום. 9) „אָפּגעגאָסענע נעגל"—שפּיצן פינגער, וועלכע מען פלעגט לויטן יידישן מנהג אָפּשווענקען מיט וואַסער גלייך נאָכן אויפשטיין פון שלאָף. 10) אַלמען. 11) אָוול—איינער וואָס טרויערט נאָך אַ געשטאָרבענעם. 12) עפשער. 13) „כורבן-האַבאַיס". 14) עמעס. 15) סאַר שעל שינע — דער האַר פון שלאָף.

חלום[1], איידער דו וועסט אויסזוכן אַלע מעשים[2], וואָס אַ ייד מוז טאָן, ביז זיין אויער דערהערט דעם זיסן קלאַנג פון קופערנעם גראָשן.

איך זאָל וועלן אַלץ פאַרשרייבן, וואָלט אַ שטעטל געדאַרפט האָבן אַ בלאַנקעט ווי אַ יריעה[3].

ווען אַ קאַלבס-בראָטן, אַ שמאַטע אין אַ פאַבריק פון פאַפיר, אָדער אַן עקספּאָרטירט איי — זאָלן האָבן אַ מויל צום ריידן, וואָלטן זיי דאָך נישט אימשטאַנד געוועזן אויסצורעכענען, וויפל יידישע הענט עס האָבן זיי אַרויסגעצויגן און אַריינגעפירט — פון פויערס אָבאָרע אין בראָט-פאַן, פון מיסט-קאַסטן אין האָלענדער[4] אַריין, מעבדות לחירות[5].

און אַ יידישע פרנסה[6] איז אויך אַזאַ לייטער, ווי יעקב אבינו[7] האָט געזען אין חלום, ווען פון אַלע שטיינער איז פאַר זיין קאָפּ איין שטיין געוואָרן. אַ לייטער, וואָס שטייט אויף דער ערד און גרייכט ביזן הימל אַריין.

ווי טיף ער איז איינגעגראָבן אין דער ערד, ווייסט נאָר דער וואָרעם, וואָס ליגט אונטער זיינע פיס. ווי הויך ער שטייט — נאָר דער שטערן, וואָס לייכט איבער אים.

אונדזער איינעם שווינדלט, אַרויפקוקנדיק, פאַר די אויגן; אַראָפּקוקנדיק אַלץ טיפער און טיפער — דרייען זיך איבער די געדערעם, און דאָס פּנים ווערט אויף אייביק גרין.

אויף דעם לייטער גייען מלאכים ארויף און אַראָפּ... מענטשן, ליידער, קלעטערן מיט די לעצטע כוחות[8] אַרויף און פאַלן אָן כוח אַראָפּ. אַ ייד, ווען אַפילו ער ברעכט נישט האַלדז-און-נאַקן, האָט ער שוין אויך נישט קיין כוח נאָכאַמאָל צו קלעטערן...

אויף אַזאַ לייטער איז געקראָכן אונדזער נשרף.

פריער איז ער „געלאָפן” אויפן דאָרף, אונטער די באָרוועסע פיס האָט אים די ערד געברענט. דעם קין[9] קלינגט נישט דעם ברודערס בלוט אין די אויערן, נאָר ווייב און קינדס געשריי: עסן!

גאָט האָט געהאָלפן; אַ פּאָר יאָר דורכאַנאַנד האָט ער סאַמע מציאות[10] געקויפט, נאָך אַ משך[11] פון אַ פּאָר יאָר — אַוואַנסירט פון אַ „לויפער” אויף אַ „גייער”: אין דער היים איז שוין דאָ פּאָראַט[12] אויף אַ גאַנצע וואָך, דער

1) כאַלעם. 2) מייסים. 3) יעריע — גרויסער פאַרמעטענער רולאָן, אויף וועלכן מ'פלעגט שרייבן די תורה (טוירע). 4) אַ מאַשין צו מאַכן פאַפיר. 5) מעאַווודוס לע=כיירוס — פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט. 6) פאַרנאָסע. 7) יאַנקעוו אָווינו. 8) קויכעס, קויעך. 9) קאַין — לויט דער תנ"ך לעגענדע איז קין געווען דער ערשטער בלוט=פאַר=גיסער—ער האָט דערהאַרגעט זיין ברודער הבל (העוועל). 10) מעציעס. 11) מעשעך. 12) פאָראַט — אַ זאַפּאַס.

מוח[1] איז שוין רויקער און האָט שוין צייט צו פילן, אַז די פיס ווערן גע־שוואָלן, אַז אַ טאַטע פון זעקס קינדער דאַרף גיין, נישט לויפן, אויב ער וויל, די פיס זאָלן אים דערטראָגן על־כל־פנים[2] ביז צו איינעמס בר־מצווה[3]...

און גאָט, ברוך־הו[4], האָט ווייטער געהאָלפן, ער איז שוין ברוך השם[5] אַ דאָרף־סוחר! דאָס הייסט, ער גייט שוין צופוס נאָר דעמלט, ווען עס מאַכט זיך אים נישט קיין געלעגנהייט: פון איין דאָרף אין צווייטן אַריין פאַר אַ קאָפּעקע. מאַכט זיך אים אָבער אַ געלעגנהייט — פאָרט ער!

גאָט, ברוך־הוא, האָט ווייטער געהאָלפן; נאָך אַ פּאָר יאָר, און ער האָט שוין זיינע אייגענע פערד־און־בודקע!

און די צייט שטייט נישט, ער רוט נישט, גאָט, ברוך־הו, העלפט. — פון פערד ווערט אַ פּאָר פערד, פון דער בודקע — אַ בריטשקע. עס קומט נאָך צו אַ שמייסער! ער איז שוין תבואה־סוחר,[6] פריער האַנדלט ער מיט פויערים, דערנאָך — מיט פריצים!

און אַז גאָט העלפט, קריגט מען חן[7] ביי לייט: פריער ביים גומיעני, דערנאָך ביים עקאָנאָם, דערנאָך ביים זשאָנדצע[8], דערנאָך ביים לאָקיי[9] פון הויף און גאָר צום סוף ביים כראַביע פ. אַליין. אָ! דעמלט ווערט ער שוין אַ תושב[10], אַן „איינגעזעסענער" אין שטעטל. פון שמייסער ווערט אַ היימישער משרת[11], פערד־און־וואָגן פאַרקויפט, און אין קעשענע ליגן דעם כראַביע פ.'ס קוויטלעך...

וואָס איז ער אַצינד?

אין שטעטל זעט ער שוין אויס ווי אַ זון, אַרום וועלכער עס דרייען זיך די שטערן — קלענערע סוחרים[12] און כוכבי דשביט[13] — מעקלערס.

ער באַשיינט און באַלייכט דאָס גאַנצע שטעטל מיט קרעדיט. יעלענסקין[14] זעט ער אויס ווי אַ שפּין, וואָס זיצט אינמיטן וועבעכץ, און ווו דער כראַביע פ. איז איינער פון די פליגן, וואָס ווערן פאַרפּלאָנטערט.

נאָך אַ צייט האָט אונדזער „זון־שפּין" אָדער „שפּין־זון" פאַרגרעסערט דאָס הייזל, געשריבן מיט קינדער תנאָים[15], צוגעזאָגט נדן[16], געקויפט דעם ווייב

1) מויעד. 2) אַל־קאָל־פּאָנעם—צום ווינציקסטן, אויף יעדן פאַל. 3) דאָ געמיינט: ביז צו דרייצן יאָר. 4) באָרעך־הו — געלויבט איז ער. 5) געלויבט איז גאָט. 6) טווּיע־סויכער. 7) כיין. קריגן חן — .געפעלן ווערן. 8) גומיעני — דער אויפזעער איבער די תבואה־שייערן, עקאָנאָם — פאַרוואַלטער איבערן פריצס הויף, זשאָנדצע—הויפּט־פאַרוואַלטער פון אַ גרויסן פריצישן מאַיאָנטעק. 9) לאָקיי—שטוביקער דינער ביים פריץ. 10) טוישעוו — שטענדיקער איינוווינער. 11) מעשאָרעס—דינער. 12) סאָכרים. 13) קויכווי דעשאָוויט — קאָמעטעס. 14) יעלענסקי — אַ באַקאַנטער פּוילישער אַנטיסעמיט, וואָס האָט אין סוף פאָריקן יאָרהונדערט געפירט אַ העצע קעגן יידן. 15) טנאָים. 16) נאַדן.

פערל, זיך —אַ שאָפּן-פּעלץ, באַשטעלט פאַר די יינגלעך בעסערע מלמדים[1]. פאַר די מיידלעך — אַ לערער, אויסצולערנען כאָטש אַ יידיש בריוול שרייבן...

פלוצלינג (על כל פנים — פאַרן שטעטל) האָט דער כראַביע פ. באַנקראָטירט און אונדזער שפּין-זון אָדער זון-שפּין האָט אויף אַ מאָל אַלץ פאַרלוירן.

. . . .

אַ חודש[2] פריער, ווען איך פאָר דורך, וואָלט איך געוועזן פאַרשריבן:

אַ הויז — 1500 רובל, אַ פּראָפּינאַציע[3], אַ האַנדל פון וואַלד און תבואה, אַ פּראָצענטניק.

ער האָט ביים כראַביע פ. 15000 רובל אויף 10 פּראָצענט, נישט אויף דער היפּאָטעק[4], נאָר אויף האַנט-קוויטלעך...

היינט פאַרשרייב איך איין וואָרט:

„נשרף“!

איך קאָן דאָך צוגעבן:

„אַ ייד 82 יאָר, געשוואָלענע פיס, אַ הויזגעזינד פון זיבעצן פאַרשוין“...

דער עמיגראַנט

איך עפן אַ טיר.

אַ שטוב אָן בעטן, אָן כלים[5], אָנגעשיט מיט היי און שטרוי.

אינמיטן שטוב שטייט אַן איבערגעדרייט פעסל. אַרום פעסל — פיר מאָר-זאַקעס-קינדער מיט צעשויבערטע האָר, אַרום אַ גרויסער, געלער, ליימענער שיסל מיט „פּיצמיטאַנע“, פון וועלכער זיי שעפּן מיט די רעכטע הענטלעך מיט בלעכענע פאַרגרינטע לעפל. אין די לינקע הענטלעך האַלטן זיי צו שטיקלעך קלייענדיק ברויט.

אין איין ווינקל אויף דער ערד זיצט אַ בלאַס ווייבל, און די טרערן קאַפּען איר פון די אויגן אויף דער קאַרטאָפליע, וואָס זי נעמט זיך צום שיילן. אין צווייטן ווינקל ליגט „ע ר“, אויסגעצויגן אויף דער ערד.

— בחינם אייער טרחה, ר' קרוב[6],—מאַכט ער צו מיר און הייבט זיך נישט אויף, — בחינם אייער טרחה: איך בין שוין נישט קיין היגער.

אַז ער זעט, אַז איך האָב דאָך קיין חשק[7] נישט אַוועקצוגיין, הייבט ער זיך לאַנגזאַם אויף.

1) מעלאַמדים. 2) כוידעש. 3) פּראָפּינאַציע—האַנדל מיט בראָנפן. 4) היפּאָטעק — דער דאָקומענט וואָס באַשטעטיקט דאָס אייגנטום אויף די הייזער אָדער ערד-פאַרמעגן. 5) קיילים. 6) בעכינעם אייער טירכע, רעב קאָרעוו — אומזיסט אייער מי. 7) כיישעק.

— נו, ווו וועל איך אייך זעצן? — פרעגט ער פאַרדריסלעך.
איך בין אים מבטיח[1], אַז איך קאָן שרייבן שטייענדיק.

— איר וועט פון מיר גאָרנישט האָבן! איך וואַרט נאָר אויף אַ שיפס-קאַר-טע... איר זעט דאָך, אַז איך האָב שוין אַלץ פון שטוב, אַפילו די כלים צו דער מלאכה[2], פאַרקויפט.

— איר זייט אַ באַלמעלאָכע? — פרעג איך.

— אַ שניידער.

— און וואָס נייט אייך אַרויסצופאָרן?

— דער הונגער.

און דער הונגער איז געלעגן אויף ז י י ן פנים[3], אויף א י ר פנים, און נאָך מער אין די קינדערס ברענענדיקע אייגעלעך איבער דער פיצמיטאָנע.

— קיין אַרבעט נישטאָ?

ער מאַכט מיט די פּלייצעס. עס הייסט: אָן דעם האָט מען שוין לאַנג פאַרגעסן.

— ווהין פאָרט איר?

— קיין לאָנדאָן. איך בין שוין איינמאָל אין לאָנדאָן געווען, שיין געלט פאַרדינט. מיין ווייב 10 רובל אַ וואָך געשיקט, און אַליין ווי אַ מענטש געלעבט, האָט דער שוואַרציאָר אַהיים געשלעפט.

איך האָב געקלערט, אַז דער „שוואַרציאָר" איז דאָס ווייב.

— פאַרוואָס האָט איר אייער פאַמיליע נישט מיטגענומען?

— עס האָט מיך אַליין צוריקגעשלעפט! פינצטער, חושך[4] איז דאָרט; אַזוי ווי איך האָב צוגעמאַכט אַן אויג, האָט זיך מיר געחלומט[5] דאָס שטעטל, דער טייך אַרום, דער וואַלד... עס איז מיר דאָרט ענג געווען, עס האָט געצויגן און געצויגן...

— דאָ איז טאַקע — זאָג איך — אַ הערלעכע געגנט.

— לופט בחצי-חינם[6]!... און מיר שלינגען, ברוך-השם[7], לופט דריי יאָר! היינט פאָר איך שוין מיט מיין ווייב און קינד! אָן עק זאָל עס נעמען.

— און עס וועט אייך ווייטער אַ שאָד זיין דער וואַלד?

— דער וואַלד — פאַרקרימט ער זיך מיט אַ ביטערן שמייכל — מיין ווייב איז אייערנעכטן געגאַנגען אין וואַלד אַריין קלייבן יאַגעדעס, האָט מען זי מיט אַ פּאָר בייטשן מכבד[8] געווען.

---

1) מאָטיוועד זיין—פאַרזיכערן. 2) מעלאָכע. 3) פּאָנעם. 4) כוישעך. 5) געכאָלעמט. 6) בעכאָצע-כינעם—האַלב אומזיסט. 7) באָרעך-האַשעם—געלויבט גאָט. 8) מעכאַבעד זיין — געבן, דערלאַנגען.

— אַ טייך האָט איר... — ווייל איך אים אָוועקציען פון די טרויעריקע געדאַנקען. זיין בלאַס פּנים ווערט נאָך בלאַסער.

— דער טייך! דעם זומער האָט ער מיר אַ קינד צוגענומען.

איך בין קוים אַרויס פון שטוב.

דער משוגענער

איך בין אַהיים געקומען אויף דער סטאַנציע דענערווירט. איך בין לאַנג געלעגן אויף דער האַרטער סאָפע, איידער איך האָב געקאָנט צומאַכן אַן אויג. עס וועקט מיך אַ שאָרך. דורכן פענצטער גנבעט[1] זיך עמעץ צו מיר אַריין. איך זע אויף דער פּוטרינע צוויי דאַרע ברודיקע הענט. עס הייבט זיך איבער זיי אויף אַ צעשויבערטער קאָפּ מיט צוויי ברענענדיקע אויגן און אַ געל פּנים.

— מ י ך ווילט איר נישט פאַרשרייבן? — פרעגט דער קאָפּ שטיל.

איך האָב נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. ער רעכנט: שתיקה כהודאה[2], און שטייט שוין אינמיטן שטוב.

דערשראָקן און נאָך מער פאַרוווּנדערט, לאָז איך פון אים קיין אויג נישט אַראָפּ.

— פאַרשרייבט! — מאַכט ער אומגעדולדיק. — דערלאַנגען אייך טינט און פעדער? — ער וואַרט ווייטער נישט אויף קיין תשובה[3] און רוקט מיר צו, צו דער סאָפע, דאָס קליינע טישל מיטן שרייבגעצייג.

— שרייבט, איך בעט אייך, שרייבט!

און דאָס קול[4] איז אַזוי מילד און שטיל, עס שלייכט זיך אַזוי לייכט אַריין אין האַרץ, אַז איך הער מיך אויף צו שרעקן.

איך זעץ מיך אויף צום פאַרשרייבן. איך פרעג, און ער ענטפערט.

— איר הייסט?

— יונה[5].

— אויפן צונאָמען?

— יינגלווייז האָט מען מיך גערופן יונה ציג, נאָך דער חתונה[6] — יונה דראָנג, נאָר זייט עס האָט זיך מיר דאָס מכשול[7] געטראָפן — דער משוגענער יונה.

— אויפן דייטשישן נאָמען?

— אַ... ד אָ ס מיינט איר? באַלד, באַלד-פערלמאַן! איר זעט מיינע פערל?!

---

1) גאַנוועט. 2) שטיקע קעהוידאָע — שווייגן הייסט מסכים (מאַסקים) זיין. 3) טשוווע. 4) קאָל. 5) יוינע. 6) כאַסענע. 7) מיכשל—דאָ איז געמיינט: אַן אומגליק-לעכער צופאַל.

ער ווייזט מיר די צעריסענע רויטע פאַטשיילע אַרום האַלדז, און זאָגט:
אמתע פערל, האַ! נאַר — איך הייס אַזוי! וואָס זאָל איך טאָן?

— אַ ווייב?

— זי זאָלט איר בעסער ני שט פאַרשרייבן... זי וויינט נישט מיט מיר... זייט דאָס מכשול האָט מיך געטראָפן, וויינט זי נישט מיט מיר... אַ וויל ווייבל! איך וואָלט איר זייער גערן געגעבן אַ גט[1], נאָר דער רב[2] לאָזט נישט. ער זאָגט, איך טאָר נישט, — אַ וויל ווייבל!

דערביי ווערן אים די אויגן פייכט.

— זי האָט אפילו דאָס קינד צו זיך גענומען. עס איז אים ביי איר בעסער, וואָס וואָלט איך געטאָן דערמיט? אַרומטראָגן? מע וואַרפט אויף מיר שטיינער, מע וואָלט מיר נאָך דאָס קינד געשעדיקט.

— איין קינד האָט איר?

— איינס.

— וואָס פאַר אַ „מכשול" האָט אייך געטראָפן?

— איר זאָלט אַזוי וויסן פון אַלדאָס בייז, אויב איך ווייס וואָס. דער עולם[3] זאָגט — אַ דיבוק[4]. דער רופא[5] זאָגט, אַז עס איז מיר אַ שטיין געפאַלן אין קאָפּ אַריין, האָט זיך מיר די נשמה[6], אָדער ווי ער זאָגט, „דאָס חיות"[7] אַראָפּגעלאָזט אין בויך אַריין, דער שוואַרציאָר ווייסט מיך! איך געדענק נישט דעם שטיין. אַ בייל אויפן קאָפּ האָב איך אפילו.

ער נעמט אַראָפּ דאָס היטל מיט דער יאַרמלקע צוזאַמען, בייגט איין דעם קאָפּ און ווייזט מיר אַ גאָל בערגל צווישן די האָר.

— אפשר איז עס פון אַ שטיין, נאָר משוגע בין איך, דאָס איז אמת!

— וואָס איז אייער שגעון[8]?

— צוויי-דריי מאָל אַ טאָג האָב איך די נשמה אין בויך, דעמאָלט רייד איך פון בויך אַרויס און קרייע ווי אַ האָן.. איך קאָן מיך באין אופן[9] נישט איינהאַלטן, באין אופן נישט.

— פ אַ ר ן מכשול וואָס זייט איר געווען?

— איך בין גאָרנישט געווען. עס האָט מיך געטראָפן באַלד ביים ערשטן יאָר קעסט...

— האָט איר עפּעס געלט?

1) געט — צעשיידונג. 2) ראָוו. 3) אוילעם. 4) דיבעק — ביי אַמאָליקע פרומע יידן איז געווען אַזאַ איינגלייבונג, אַז אַ נשמה (נעשאָמע) פון אַ פאַרשטאָרבענעם, וואָס קען נישט אַרויף אויפן הימל, כאַפּט זיך אַריין אין דעם קערפּער פון אַ לעבעדיקן מענטשן און זי מאַטערט אים. 5) רויפע—אַמאָליקע פעלדשערס ביי יידן. 6) נעשאָמע. 7) כיעס — דאָס לעבן. 8) שיגאָען. 9) בעיין אויפן — אין קיין פאַל.

איך האָב געהאַט עטלעכע גילדן נדן[1]. אַ סך אַוועקגעגאַנגען אויף רפואות[2], גוטע יידן[3]... די רעשט האָב איך אי ר אַוועקגעגעבן.

פונוואַנען לעבט איר?

— פון צרות[4]... יינגלעך וואַרפן מיר שטיינער, קאָן איך מיך נישט אומדרייען אין מאַרק, אַזוי וואָלט איך אפשר עפּעס פאַרדינט נעבן אַ סוחר[5]...

מע פלעגט אַמאָל אויף מיר רחמנות[6] האָבן, מקרב זיין[7], היינט — שלעכטע צייטן; מוז איך בעטלען, בעטל איך פאַר וואַרמעס, ווען די קינדער זענען נאָך אין חדר[8].

און איך האָב ווייניק דערפון... דאָס שטעטל איז קליין. אַ חוץ מיר זיינען נאָך דאָ משוגעים[9]... אָט זאָגט מען, ערשט נעכטן, האָט די „לאָקשיכע“ געוואָרפן דער דינסט אַ פאַן אין קאָפּ אַריין. זי וועט זיכער משוגע ווערן, גאַנץ זיכער; איך ווייס נאָך נישט, צי זי וועט קרייען ווי איך, צי בלאָזן אין דער פויסט אַריין, ווי שלוימעטשע דעם רבס, אָדער שווייגן ווי חנה די טוקערין[10]...

בלאַנקעטן[11]

איך וויל דאָס שטעטל נישט אָנרופן ביים נאָמען, נאָר נאָך איינס אַזוינס ווען איך טרעף אויפן וועג, וואָלט איך אויך אָנגעהויבן קרייען.

— נאַט אייך בלאַנקעטן!

„געוועזן אַן אויסגעצייכנטער שוסטער, מפרנס[12] געוועזן ווייב און קינדער (זעלטן — ווייניקער אַלס פיר-פינף) בכבוד[13]. געוווּנען אויף דער לאָטעריע אַ מטמון[14] מיט גאָלד... אָנגעהויבן טרינקען. אַלץ פאַרטרונקען, ווייב און קינדער אויף דער מדינה[15] געלאָזט, און אַליין איז ער נעלם[16] געוואָרן, שטאַרבט אַוודאי[17] ערגעץ אונטער אַ צאַם“.

נאָר דאָס איז ווייניק יידישלעך. נאַט אייך „מים שלנו“[18] — זיין שותף[19] צום געווינס:

„געוועזן אַ מלמד[20]. געוווּנען אויף דער לאָטעריע, געדונגען בשותפות[21] מיטן רבין[22] אַ מיל. די מיל איז געגאַנגען קאַפּויר! באַנקראָטירט... היינט איז

1) נאַדן. 2) רעפּועס. 3) גוטע יידן — דאָ געמיינט די חסידישע רביים, צו וועלכע מע פלעגט פאָרן נאָך היילונג. 4) צאָרעס. 5) סויכער. 6) ראַכמאָנעס. 7) מעקאָרעוו זיין — צולאָזן צו זיך, אונטערשטיצן. 8) כיידער 9) מעשוגאָים. 10) אַ טוקערין—אַ באַדינערין אין דער פרויען-אָפּטיילונג פון באָד. 11) בלאַנקעטן— די פראַגע-בויגנס, וואָס פריץ פלעגט אויספילן אין די שטעטלעך וועגן דער לאַגע פון די פאַמיליעס, וועלכע ער פלעגט באַזוכן. 12) מעפאַרנעס — באַשפייזט. 13) בעקאָוועד. 14) מאַטמען—אַן אוצר (אויצער). 15) מעדינע—לאַנד. געמיינט: אַרומפאָרן בעטלען. 16) נעלעם — פאַרשוווּנדן. 17) אַוואַדע. 18) מאים שעלאָנו — דאָ איז געמיינט: פון אונדזערע, ווי ביי יידן פירט זיך. 19) שוטעף. 20) מעלאַמעד. 21) בעשוטוועס. 22) רעבן.

ער שמש[1] אין חסידים־שטיבל[2]. קיין פענסיע נעמט ער נישט, נאָר ער פאַר־קויפט אין שטיבל דעם ביטערן טראָפּן[3]. דאָס ווייב איז אַן איינקויפערין צעטראָגט אין די הייזער אייער, פוטער, זי פאַרדינט ווייניק, ווייל זי איז לאָם. איין זון איז אַוועק, דער צווייטער אַרבעט ערגעץ ביי אַ סטאָליער, איינער איז אין דער היים, — קראַנק אויף שקראָפל".

„אַלמנה[4] ביילע באָשע (דעם צונאָמען קען מען נישט געוואָר ווערן) וווינט צוזאַמען מיט אַ שנור אַ זעלנערקע (דער מאַן איז נעלם געוואָרן אין טערקישן קריג). די שנור פליקט פעדערן. זי איז אַ טוקערין און אַ וועכטערין ביי קימפּעטאָרינס אָדער אַזוי ביי קראַנקע. זומער, כל־זמן[5] דער פריץ[6] האָט געלאָזט, פלעגט זי קלייבן יאַגעדעס אין וואַלד. אַ קראַנקע יידענע, בעטלט אַ ביסל צו..."

„זיינוול גראַף — ערשט נישט לאַנג געוואָרן אַ שינדער. פאַראַיאָרן איז ער נאָך געווען אַ גרויסער פישער, האָט ער אָפּגעדונגען דעם טייך, וואָס דער פריץ האָט געוואָלט פאַרדינגען אַ קריסט, אַ סך אָפּטרעט־געלט געגעבן. אַ גאַנצן זומער האָט ער געכאַפּט נאָר טרייפענע פיש, און איז בדיל־הדל[7] געוואָרן".

„שמערקע בענטשעס — אַ געוועזענער דאַנציקער סוחר[8]... שוין אַ יאָר צוואַנציק, אַז ער איז אַהיימגעקומען מיטן בייטש־שטעקעלע... האַנדלט פון דעמלט אָן מיט ראָזשינקע־וויין אויף קידוש[9]. דאָס ווייב — אַ נייטערין, שוין אַ פּאָר יאָר ליידט זי אויף די אויגן. זיי האָבן אַפילו קיין קינדער נישט, נאָר עס איז אַ גרויסע קאָנקורענץ אויף ראָזשינקע־וויין, לעבן זיי בדוחק[10]".

„מלך[11] פּערלס — אַ שיינער יונגערמאַן, נישט לאַנג נאָך קעסט... גע־האַנדלט בשותפות מיט אַ תבואה־סוחר, אָנגעווירן דאָס געלט, דערווייל איז דער שווער געשטאָרבן אין אָרעמקייט. מען ווייסט נאָך נישט, צו וואָס ער וועט זיך נעמען; אינגאַנצן דריי קינדער, נישט מער".

מע האָט מיך נאָך געבעטן, איך זאָל פאַרשרייבן איינעם (מע האָט פאַר־געסן, ווי ער הייסט) אַ געלן ייד, מיט ווייב און קינדער (מע געדענקט נישט וויפל, נאָר אַ סך), ער ציט זיך היינט־מאָרגן אין שטאָט אַריין. דער פריץ האָט אים אָפּגעזאָגט פון דער פאַכט. מע ווייסט נאָך נישט, צו וואָס ער וועט זיך נעמען, נאָר — „פאַרשרייבן מעגט איר אים!"

---

1) שאַמעס. 2) כסידים־שטיבל—אַ שול ווו די כסידים פון איין רבין פלעגן דאַוונען. 3) ביטערער טראָפּן — בראָנפן. 4) אַלמאָנע. 5) קאָל־זמאַן — אַזוי לאַנג. 6) פּאָרעץ. 7) בעדיל האַדאַל געוואָרן — אינגאַנצן פאַראָרעמט. 8) סויכער. 9) קידעש — תפילה ביים טרינקען וויין. 10) בעדויכעק — דאָ געמיינט: קוים וואָס זיי קומען אויס. 11) מיילעך.

אינהאַלט

זייט

י. ל. פּרץ (זיין לעבן און שאַפן) — ש. פּערדמאַן 7

דאָס שטריימל 21

די פרומע קאַץ 31

די נאַכטוועכטער 35

מענדל ברייִנעס 37

אַ כעס פון אַ ייִדענע 45

שלום־בית 52

בילדער פון אַ פּראָווינץ־רייזע:

לאַשטשאָוו 59

די ערשטע פּרווו 60

די צווייטע פּרווו 64

וואָס דאַרף אַ ייִדענע 65

אַסעקורירט 67

דער נשרף 70

דער עמיגראַנט 73

דער משוגענער 75

בלאַנקעטן 77

באַמערקטע דרוק-פעלערן

זייט	שורה	איז געדרוקט	דאַרף זיין
5	אונטערשריפט אונטערן פאָרטרעט	געשטאָרבן... דעם 8 אַפּריל...	געשטאָרבן... דעם 3 אַפּריל...
״	אונטערשריפט אונטערן פאָרטרעט	יצחק לייבוש	יצחק-לייבוש
7	1 פון אויבן	״ ״	״ ״
17	7 ״ ״	״ ״	״ ״
8	לעצטע	מאסכילים	מאַסקילים
14	7 פון אונטן	„פאָלקסטימלעכע געשיכטע"	„פאָלקסטימלעכע געשיכטן"
15	9 ״ אויבן	געוויסע	געוויסער
22	19 ״ ״	ווייסל-שנאַפּס	וויינשל-שנאַפּס
29	6 ״ ״	א גאָר א גוטן	גאָר א גוטן
41	4 ״ ״	רייד	רעד
42	3 ״ ״	צו מעל	צי מעל
47	10 ״ ״	וואָס אַמאָל	וואָס א מאָל
48	18 ״ ״	רבנו	רבונו
48	2 ״ אונטן	ריבונע	ריבוינע
65	1 ״ אויבן	פוי	פון
66	3 ״ אונטן	און אויפגעקלערטער	אָן אויפגעקלערטער
66	5 ״ ״	יידינע	יידענע
77	13 ״ אויבן	שלוימעטשע	שלוימעטשקע

ŻYDOWSKA BIBLIOTEKA SZKOLNA
SERIA A ZBIÓR I

Życiorys I. L. Pereca, wybór i opracowanie tekstów, objaśnienia i uwagi — SZ. FERDMANA

Książka zatwierdzona pismem Minist. Oświaty Nr Oc-305/50 z 8.VII-1950 do użytku szkolnego na rok szkolny 1950/51 jako lektura dla kl. VII w szkołach z żydowskim językiem nauczania.

Podpisano do druku 1.IX 1950 Nakład 3000+200 Papier druk sat. 61×86
Arkuszy druku 5 1/8 Zamówienie 5757 F. 1-11177

Zam. 1006/50. Składano i odbito w Państw. Wrocławskich Zakł. Graficzn. oddz. 04 ul. Antoniego 15

I. L. PEREC

UTWORY WYBRANE

WARSZAWA 1950
PAŃSTWOWE ZAKŁADY WYDAWNICTW SZKOLNYCH